STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05770

DER ASHMEDAY

Leonid Andreyev

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אשמדאי

טראגישעס שוישפיעל אין זיעבען בילדער,

פערפאסט פון

לעאניד אנדרעיעוו.

—)(—

אויטאריזירטע איבערזעטצונג אין אידיש פון

מ. קאטץ.

אויפגעפיהרט ביי דער „ליפצין טהעאטער קא".

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.

Copyrighted, 1909, by Herman Bernstein.

פערזאנען, בעטהייליגטע אין דער פארשטעלונג:

עמיצער, שומר פון אריינגאנג.
אשמדאי,
דוד לייזער,
שרה, זיין פרוי,
נחום, } זיינע קינדער,
ראזע,
איוואן בעזקראיני, } הענדלער,
שיינדעל ציטראן,
פוריקעס,
טאנץ־לעהרער,
יונגער הערר,
בלייכער הערר,
קאטערינשטשיק,
וואנדערער,
אברהם חעסין, } ארעמע לייט,
וויינענדע פרוי,
פרוי מיט א קינד,
שיכור,
שיינדעל'ס מיידעלע,
ליבקע,

כלי־זמר, בלינדע, פאלק.

The right to produce this play
is reserved by the
LIPZIN THEATRE CO.

ערשטעס בילד.

די ביהנע שטעלט מיט זיך פאַר אַ וויסטען, ווילדען פּלאַץ אזוי ווי אַן ארויף־בארג, וועלכער ערהויבט זיך צו אַן אונבעגרענעצטע הויכקייט. אין דער טיעפענים פון ביהנע, אויף אַ העלפט פון׳ם בארג, שטעהען מורא׳דיג גרויסע, אייזערנע, פעסט געשלאָסענע טויערן, וועלכע בעצייכענען מיט זיך דעם סוף פון דער וועלט, אויף וויפיעל דער שכל פאַסט אויף. פון יענער זייט פון די טויערן, וועלכע דריקען די ערד מיט זייערע אונגעהייערע שווערקייט, וואָהנט, שווייגזאם און געהיימניס־פאָל, דער אָנהויב פון יעדעם ז י י ן, דער גרויסער שכל פון וועלט־אלל.

ביים צופוסען פון די טויערן, שווער אָנגעלעהנט אויף אַ לאַנגען שווערט, אין גאַנצען אונבעוועגליך, שטעהט דער ע מ י צ ע ר, וואָס איז דער שומר פון אריינגאַנג. איינגעהילט אין ברייטע בגדים, די אונבעווענליכע קנייטשען און פאַלדען פון וועלכע זיינען אזוי ווי שטיין, בעהאלט ע ר זיין פנים אונטער אַ פינסטערען דעק־טוך, און שטעלט פאַר מיט זיך גופא די גרעסטע געהיימנים. אלס איינציג דענקבארער איז ער אליין נור פאַרגעשטעלט פאַר דער ערד. שטעהענדיג אויף דעם צווישען־ גרענעץ פון צוויי וועלטען, איז ער צווייפאַכיג צונויפגעשטעלט: לפנים אַ מענש, אין עצם אָבער אַ גייסט. אלס פערמיטלער צווישען צוויי וועלטען, איז ער אזוי ווי אַן אונגעהייערער פאַנצער, וועלכער זאַמעלט אלע פיילען, אלע בליקען, אלע בקשות, אלע אהנונגען, פאַרווירפע און לעסטערונגען. אלס טרעגער פון צוויי יסודות, פערהילט ער זיין לשון אין שווייגען, אזוי ווי דאָס שווייגען פון די אייזערנע טויערן גופא, און אין מענשליכע ווערטער.

ארומקוקענדיג זיך ווילד און צושראָקען, בעווייזט זיך צווישען די שטיינער דער א ש מ ד א י — אזוי רופט מען דעם

עמיצען, וואָס איז פערשאָלטען געוואָרען. צופאַלענדיג צו די גרויע שטיינער, אַליין גרוי, פאָרזיכטיג און ביינזאַם, ווי אַ שלאַנג, וואָס זוכט אַ נאָרע, גנב'ט ער זיך שטיל אונטער צום *עמיצען*, וואָס איז דער שומר פון אַריינגאַנג, טראַכטענדיג צו דערשלאָגען איהם מיט אַן אונערוואַרטעטען קלאַפ. אָבער ער שרעקט זיך אַליין פאַר זיין אייגענער העזה און, אויפשפרינגענדיג אויף די פיס, לאַכט ער ווי רייצענדיג זיך און בייז. ער זעצט זיך צו דערנאָך אויף אַ שטיין, גאָר אַזוי ווי פריי און אונאַבהענגיג, און וואַרפט קליינע שטיינדלעך צו די פיס פון'ם *עמיצען*, וואָס בעוואַכט דעם אַריינגאַנג. זייענדיג ביטרע, בעהאַלט ער זיין שרעק אונטער דער מאַסקע פון שפאַס און פון לייכטער פרעכהייט. איבער דער שוואַכער ליכטיגקייט, וואָס איז גרוי און פאַרבלאָז, זעהט אויס דער קאָפ פון דעם פערפלוכטען מורא'דיג גרויס; בעזונדער גרויס איז זיין שטערען, וואָס איז ווי אַ קופאָל, און דורכגעשניטען מיט קנייטשען פון פרוכטלאָזע געדאַנקען און אונגעלייזטע, צייט יאָהרהונדערטע אויפגעשטעלטע פראַגען. דאָס שיטער בערדיל פון *אשמדאי* איז אין גאַנצען גרוי; ווייס־גרוי זיינען אויך זיינע האָאר, וועלכע זיינען אַמאָל שוואַרץ געוועזען ווי פעך און איצט זיינען זיי אויפגעקודעלט, ווי ווילדע קאָלטונעס, אויף זיין קאָפ. אונרוהיג אין זיינע בעוועגונגען, ווייל ער אומזיסט בעהאַלטען די שטענדיגע אונרוהיגקייט און אויפרעגונג, וואָס צופרעסט איהם, און זיין אימפעט, וואָס איז אָהן אַ צוועק. אין זיין אונמעכטיגען אייפער געגען דער שטאָלצער אונבעוועגליכקייט פון'ם *עמיצען*, וואָס איז דער שומר פון אַריינגאַנג, ווערט ער אויף אַ ווײַלע שטיל, מיט אַ פאָזע פון שטאָלצע גדלות; אָבער אין אַ מינוט אַרום, אַ געמאַטערטער פון יאָגען זיך תמיד נאָך עפעס וואָס פערשווינדעט, וואַרפט ער זיך און קנייטשט זיך אין שטומע בעוועגונגען, אַזוי ווי אַ וואָרים אונטער'ן פיאַטע. און אין זיינע פראַגען איז ער שנעל, אויפגעבראַכט, ווי אַ וויכער, שעפענדיג זיין קראַפט און זיין בייזקייט

אין זיין אייגענעם ארומדרעהען זיך; אָבער מיטשלעפּענדיג מיט זיך קליינינקייטען, צופאַלט ער אונמעכטיג בעפאָר דער נע־שטאַלט פון שוויינענהייט.

אשמדאי: דו שטעהסט נאָך אַלץ דאָ אויף דער וואך? און איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט אַוועק. אפילו ביי אַ הונד אויף אַ קייט זיינען דאָך אויך פאַראַן מינוטען, ווען ער רוהט אָדער שלאָפט, ווען אפילו די גאַנצע וועלט זאָל פאַר איהם אַ ווינקעל זיין, און די אייביגקייט זיין הערר. קען דען די אייביגקייט מורא האָבען פאַר גנבים? אָבער זיי ניט אין כעס; ווי אַ גוטער פריינד בין איך צו דיר געקומען און בעט דיר מיט הכנעה: עפען אויף איין רגע די שווערע טויערן און לאָז מיך אַ בליק טהאָן אין דער אייביגקייט. דו וואגסט ניט? אָבער אפשר האָבען זיך פון אַלטקייט צולאָזען די מעכטיגע טויערן, און דער אונגליקליכער, עהרליכער אשמדאי וועט קענען אַ קוק טהאָן אין שמאָלינקען שפּאַלט, קיינעם ניט בעאונרוהיגענדיג. וויז מיר אָן מיט אַ צייכען בלויז. שטילינקערהייט, אויף'ן בויך, וועל איך צוקריכען, וועל אַ קוק טהאָן און וועל אַוועקקריכען צוריק, און ע ר וועט ניט וויסען. אָבער איך וועל וויסען און וועל ווערען אַ גאָט, וועל ווערען אַ גאָט, וועל ווערען אַ גאָט. אַזוי לאַנג שוין, ווי מיר ווילט זיך ווערען אַ גאָט — אַ שלעכטער גאָט וואָלט איך דען געווען? זעה.

(ער שטעלט זיך אַוועק מיט גדלות, אָבער צולאַכט זיך באַלד. ער זעצט זיך דערנאָך רוהיג אויף אַ פּלאַציגען שטיין מיט די פיס אונטער זיך און נעהמט ארוים שפּיעל־ביינדלעך. ער פּלאָפּעלט צו זיך אַליין, אָבער אַזוי הויך, אַז דער ע מ י־צ ע ר זאָל איהם הערען, וואָס בעוואַכט די טויערן.)

אשמדאי: דו ווילסט ניט, דאַרף מען ניט — שלאָגען וועל איך זיך מיט דיר ניט. בין איך דען צוליעב דעם געקומען אהער? איך האָב פּשוט שפּאַציערט איבער דער וועלט און בין גאַנץ צופעליג פערגאַנגען אהער — איך האָב ניט וואָס צו טהאָן, שפּאַציר איך ארום. און אָט איצט וועל איך שפּיעלען אין ביינדלעך — איך האָב ניט וואָס צו טהאָן, וועל איך שפּיעלען אין ביינדלעך.

ווען ע ר וואָלט ניט געווען אזוי גדלות'דיג וואָלט איך איהם אויך איינגעלאַדען; אָבער ער איז צו שטאָלץ, צו שטאָלץ, און פערשטעהט ניט דעם פערגעניגען פון שפּיעל... זעקס, אכט, צוואַנציג — ריכטיג! ביים טייפעל קומט אַלע מאָהל אוים ריכטיג אפילו ווען ער שפּיעלט עהרליך. דוד לייזער... דוד לייזער...

(ער ווענדעט זיך צום ע מ י צ ע ן, וואָס בעוואַכט דעם אריינגאַנג, לייכטמוטהיג.)

— דו קענסט אַפּטמאָל ניט דוד לייזער'ן? אודאי ניט. דאָס איז אַן אַלטער קראַנקער, נארישער איד, וועמען קיינער קען ניט, און אפילו דיין ה ע ר ר האָט אויף איהם פערגעסען. אזוי זאָגט דוד לייזער, און ניט גלויבען איהם קען איך ניט; ער איז אַ נארישער, אָבער עהרליכער מענש. דאָס האָב איך איהם נור וואָס געוואונען מיט די ביינדלעך — דו האָסט דאָך געזעהן: זעקס, אכט, צוואַנציג. אויף'ן ברעג ים האָב איך דאָס איין מאָל געטראָפען דוד לייזער'ן, ווען ער האָט אויסגעפּרעגט די כוואַליעס, אויף וואָס קלאָגען זיי; און ער איז מיר געפעלען געוואָרען, אַ נארישער, אָבער עהרליכער מענש; און אויב מען זאָל איהם גוט בעגיעסען מיט סמאָלע און אָנצינדען, וואָלט דאָס געווען ניט קיין שלעכטער פּאַקעל פאר א יום טוב.

(פלאַפלענדיג כלומר'שט לייכט-מוטהיג, קלייבט ער זיך שטילינקערהייט אריבער צו דעם נאָהענטסטען שטיין צום ע מ י צ ע ן.)

— קיינער קען ניט דוד לייזער'ן, איך וועל איהם אָבער מאַכען בעריהמט, איך וועל איהם מאַכען מעכטיג און גרויס — אפשר אונ־שטערבליך אפילו וועל איך איהם מאַכען! דו גלויבסט ניט? קיי־נער גלויבט ניט דעם קלוגען אשמדאי. אפילו ווען ער זאָגט דעם אמת. און ווער ליעבט דען דעם אמת מעהר אלס אשמדאי! אפשר דו? שווייגענדיגער הונד, דו רויבער, וואָס האָט גע'גנב'עט דעם אמת פון דער וועלט, וואָס האָט מיט אייזען פערצאַמט דעם אריינגאַנג...

(וואַרפט זיך מיט צאָרן אויף ע מ י צ ע ן, וואָס בע־וואַכט דעם אריינגאַנג, און מיט אַ קוויטשעריי פון פחד און

שמערץ, טרעט ער אָב צוריק בעפאַר זיין פירכטערליכער אונבעוועגליכקייט, און קרעכצט יאָמערליך, צופאַלענדיג מיט דער גרויער ברוסט צום גרויען שטיין.)

— אך, ביים אשמדאי זיינען גרוי די האָאר! וויינט, ליעבהאָבער פון׳ם טייפעל, קלאָגט און יאָמערט שטרעבער צו וואַרהייט, שעצער פון שכל — ביים אשמדאי זיינען גרוי די האָאר. ווער וועט העלפען דעם זוהן פון מאָרגען־שטערען — איינזאַם איז ער אין׳ם וועלט־אַלל. פאַר וואָס, גרויסער, האָסטו אזוי אָנגעשראָקען דעם שרעקליכען אשמדאי — ער האָט דיר ניט געוואָלט געבען קיין קלאַפּ, ער האָט נור געוואָלט נעהנטער זיין. קען מען צו דיר צוגעהן, זאָג.

(ע מ י צ ע ר, וואָס בעוואַכט דעם אריינגאַנג, שווייגט, אָבער דעם אשמדאי הערט זיך עפּעס אין׳ם שווייגען. ער ציהט אוים זיין שלאַנגען־אַרטיגע האַלז און שרייט ליידענ־שאַפטליך):

— העכער, העכער! — — — דו שווייגסט, אָדער דו רעדסט, איך פערשטעה ניט? ביי דעם פערשאָלטענעם איז שאַרף דאָס געהער, און אין דיין שווייגען כאַפּט ער עפּעס א שאָטען פון ווער־טער; א דונקעלע בעוועגונג פון געדאַנקען פיהלט ער אין דיין אונ־בעוועגליכקייט — אָבער פערשטעהט ניט, רעדסטו אָדער דו שווייגסט? האָסטו געזאָגט: געה צו, אָדער מיר האָט זיך דאָס בלויז געהערט אזוי?

עמיצער, שומר פון אריינגאַנג: געה צו.

אשמדאי: דו האָסט געזאָגט, אָבער איך וואַג ניט. צוגעהן?

עמיצער: געה צו.

אשמדאי: איך האָב מורא.

(אונענטשלאָסען, מיט זיגזאַגען־אַרטיגע בעוועגונגען, שלעפּט ער זיך צו צום ע מ י צ ע ן, לעגט זיך אויף׳ן בויך און קריכט, יאָמערנדיג פון פּחד און בענקשאַפט):

— אַך, איך, פירסט פון פינסטערנים, איך חכם, איך מעכטי־גער, און דו זעהסט, איך קריך אויף׳ן בויך אזוי ווי א הונד, און דאָס איז דערפאַר ווייל איך ליעב דיך, און דעם ברעג פון דיינע קליידער

וויל איך א קוש טהאָן. אָבער פאַר וואָס טהוט אזוי וועה מיין אַלטעם הארץ, זאָג, אַלוויסענדער.

עמיצער: ביי דעם פערשאָלטענעם איז ניטאָ קיין הארץ.

אשמדאי (צורוקענדיג זיך): יא, יא, ביים פערשאָלטענעם איז ניטאָ קיין הארץ, זיין ברוסט איז שטום און אונבעוועגליך, ווי דער גרויער שטיין, וואָס אָטהעמט ניט. אָה, ווען ביים אשמדאי וואָלט א הארץ געווען, דו וואָלסט עס שוין לאַנג געטויט מיט יסורים, ווי דו טויטעסט דעם נארישען מענשען. אָבער ביים אשמדאי איז פאַראַן דער שכל, וואָס זוכט דעם אמת, וואָס איז מיט קיין זאַך ניט בעשיצט פון דיינע קלעפ—האָב אויף איהם רחמנות... אָט בין איך ביי דיינע פיס, עפען פאַר מיר דיין פנים. אויף איין רגע בלויז, קורץ ווי דער גלאַנץ פון בליץ, עפען פאַר מיר דיין פנים.

(קנייטשט זיך שקלאַפיש ביי די פיס פון עמיצען, וואָס בעוואכט דעם אריינגאנג, ניט וואַגענדיג פון דעסטוועגען אָנצוריהרען זיינע בגדים. בעמיהט זיך אומזיסט אראָבלאָזען די אויגען, וואָס לויפען ארום שנעל, קוקען זיך צו, שארפער, בלייציגער, וואָס פינקלען ווי קוילען אונטער'ן גרויען אש. עמיצער שווייגט, און אשמדאי זעצט פאָר זיינע פרוכט־לאָזע, צושטעהענדע בקשות):

— דו ווילסט ניט? דאַן רוף מיר אָן דעם נאָמען פון יענעם, וואָס איז הינטער די טויערן. מיט א שטילען קול רוף איהם אָן, און קיינער וועט ניט הערען, און בלויז איך וועל וויסען — דער קלוגער אשמדאי, וואָס בענקט נאָך'ן אמת. ניט וואהר אז פון זיעבען אותיות בעשטעהט זיין נאָמען? אָדער פון זעקס? אָדער פון איינעם? זאָג. איין אות נור — און דו וועסט רעטען דעם פערשאָלטענעם פון אייביגע יסורים, און דיך וועט בענשען די ערד, וועלכע איך צוריים מיט די נעגעל. צו וואָס שרייען? דו וועסט זאָגען שטיל, שטיל, וועסט בלויז אָן אָטהעם טהאָן, און איך וועל שוין פערשטעהן און וועל דיך בענשען....

(עמיצער שווייגט, און אשמדאי, נאָך עט־וואָס קווינקלען, פול מיט צאָרן, קריכט צוריק לאנגזאם, ווערט

דרייסטער מיט יעדען טריט.)

— דאָס איז ניט וואהר, אז איך האָב דיך ליעב — — — — —
דאָס איז ניט וואהר, אז איך האָב געוואָלט אַ קוש טהאָן דעם ברעג פון דיינע קליידער — — — איך האָב אויף דיר רחמנות, אויב דו האָסט דאָס געגלויבט: איך האָב פשוט ניט וואָס צו טהאָן, שפּאַציער איך איבער דער וועלט— — — איך האָב ניט וואָס צו טהאָן, פרעג איך אויס, ווענען איך בעגעגען, ווענען דאָס, וועגען יענעס, וועגען וואָס איך וויים גאָר אליין... איך וויים אלעס!

(שטעהט אויף טרייסעלט זיך אָב, ווי אַ הונד, וואָס איז ארויסגעקראָכ'ן פון וואסער, און אויסזובענדיג אַ העכערען שטיין, שטעלט ער זיך אויף אויף איהם מיט גאוה, אין אַ פּאָזע פון אַן אַקטיאָר):

— איך וויים אלעס. זייענדיג אַ חכם, בין איך אריינגעדרונגען אין דעם זינען פון יעדע זאַך; מיר זיינען בעוואוסט די געזעצע פון צאהלען, און דאָס בוך פון שיקזאל איז אָפען פאר מיר. מיט איין בליק אומפאס איך דאָס לעבען; איך בין די אַקס אין'ם קרייז פון צייטען, וועלכע דרעהט זיך שנעל. איך בין גרוים, איך בין מעכטיג, איך בין אונשטערבליך און אין מיין שליטה איז אוועקגעגעבען געוואָרען דער מענש. ווער וועט אונטערשטעהן זיך צו קעמפּפען מיט'ן טייפעל? שטארקע דער'הרג'ע איך, שוואכע צווינג איך צו דרעהען זיך אין אַ שכור־טאַנץ — אין אַ משוגענעם טאַנץ — אין טייפעל־שען טאַנץ. איך האָב פער'סם'ט אלע קוואלען פון לעבען; אויף אלע זיינע וועגען האָב איך אוועקגעשטעלט פּאַסטקעס — גרייכט דען ניט צו דיר דער קול פון די, וואָס פלוכען?... פון די וואָס פאלען אונטער דער שווערער משא פון דאָס בייזע?... פון די וואָס נעהמען זיך העזה אומזיסט?.... פון די וואָס בייגקען אָהן אַ סוף און שרעקליך?....

עמיצער: איך הער.

אשמדאי (קייכט מיט געלעכטער): דעם נאָמען! רוף אָן דעם נאָמען! בעלייכט דעם וועג פאר'ן טייפעל און פאר'ן מענשען. אלעס אויף דער וועלט פערלאַנגט גוטעס... און וויים ניט, וואו דאָס צו

געפינען; אלעס אויף דער וועלט וויל לעבען... און טרעפט נור דעם טויט. דעם נאמען! רוף מיר אן דעם נאמען פון דאס גוטע, רוף אן דעם נאמען פון אייביגען לעבען. איך ווארט.

עמיצער: עס האט קיין נאמען ניט יענעס, וועגען וואס דו פרעגסט, אשמדאי! ניטא קיין צאהל, דורך וועלכער מען זאל קענען אויסרעכענען; ניטא קיין וואג, מיט וועלכער מען זאל קענען אבוועגען דאס, וועגען וואס דו פרעגסט, אשמדאי! יעדערער, וואס האט געזאגט דאס ווארט: ליעבע — האט א ליגען געזאגט. יעדערער, וואס האט געזאגט דאס ווארט: שכל — האט א ליגען געזאגט. און אפילו דער, וועלכער האט ארויסגערעדט דעם נאמען: גאט — האט געליינגט מיט דעם ערגסטען און שרעקליכען שקר. ווארום עס איז ניטא קיין צאהל — ניטא קיין מאס — ניטא קיין וואג — ניטא קיין נאמען ביי יענעס, וועגען וואס דו פרעגסט, אשמדאי!

אשמדאי: וואוהין זאל איך געהן? זאג.

עמיצער: וואוהין דו געהסט.

אשמדאי: וואס זאל איך טהאן? זאג.

עמיצער: וואס דו טהוסט.

אשמדאי: שוויגזאם רעדסטו — וועל איך דען פערשטעהן די שפראך פון דיין שוויגען? זאג.

עמיצער: ניין, קיינמאל ניט. מיין פנים איז אפען — אבער דו זעהסט איהם ניט. מיין שפראך איז הויך — אבער דו הערסט זי ניט. מיינע בעפעהלען זיינען קלאהר — אבער דו ווייסט זיי ניט, אשמדאי! און דו וועסט קיינמאל ניט דערזעהן — און וועסט קיינמאל ניט דערהערען — און וועסט קיינמאל זיך ניט דערוויסען, אשמדאי — אונגליקליכער גייסט, אונשטערבליכער אין צאהלען, אייביג לעבענדער אין מאס און אין וואג, אבער נאך ניט געבארענער פאר דעם לעבען.

אשמדאי (געמאטערט): קיין מאל ניט?

עמיצער: קיין מאל ניט.

(אשמדאי שפרינגט אויף פון שטיין און צאפעלט זיך

וואהנזיניג, א צופרעסענער פון בייגקשאפט. צופאלענדיג צו די שטיינער, נעהמט ער זיי ארום צערטליך און שטויסט זיי אב מיט כעס; יאמערט ביטערליך. ווענדעט זיך מיט'ן פנים צו מערב און צו מזרח, צו צפון און צו דרום פון דער ערד; טרייסעלט מיט די הענד אזוי ווי אויפרופענדיג זי צו נקמה און צארן. אבער אהן לשון זיינען די גרויע שטיינער, עס שווייגט מערב און מזרח, עס שווייגט צפון און דרום פון דער ערד, און מיט גרויזאמער אונבעוועגליכקייט, שווער אנגע־לעהנט אויף'ן שווערט, שטעהט עמיצער, וואס בעוואכט דעם אריינגאנג.)

אשמדאי: ערהויב זיך, ערד! ערהויב זיך, ערד, און גורט אן זיך מיט א שווערט, מענש. עס וועט ניט זיין קיין שלום צווישען דיר און'ם הימעל; א דירה פון פינסטערנים און טויט ווערט די ערד און דער פירסט פון פינסטערנים וועט האבען די שליטה איבער איהר—פון היינט אן און אויף אייביג. צו דיר נעה איך, דוד. דיין טרויעריג לעבען וועל איך, ווי א שטיין פון שליידער־האליז, א שליי־דער טהאן אין שטאלצען הימעל — און א ציטער טהאן וועלען די יסודות פון די הויכע הימלען. קנעכט איינער, דוד: מיט דיינע לעפצען וועל איך לאזען וויסען דעם אמת וועגען שיקזאל פון'ם מענשען!

(ער ווענדט זיך צו עמיצען, וואס בעוואכט דעם אריינגאנג):

— און דו!...

(ווערט שעמעוודיג אנטשוויגען, זייענדיג אין פערלעגענ־הייט פון עמיצענס ניט ריידען. ציהט די גליעדער פון א מין פוילקייט, אזוי ווי פון אומעט, און פלאפעלט, אבער אזוי הויך, אז עמיצער זאל איהם הערען):

— און צוריק גערעדט, שפאציער איך דען ניט ארום דערפאר, ווייל איך האב ניט וואס צו טהאן? בין געוועזן דא, און איצט וועל איך געהן אהין — זיינען דען ווייניג וועגען פאראן ביים פרעהליכען טייפעל, וועלכער ליעבט געזונדען געלעכטער און זארגלאזען שפאס? זעקס.... דאס הייסט, אז איך ברייננג דוד'ן עשירות, וועלכע ער האט

נים ערוואַרט. אכט.... דאָס הייסט, אַז דוד לייזער הײלט קראַנקע און מאַכט לעבעדיג טויטע. צוואַנציג — ריכטיג! דאָס הייסט, אַז מיר מיט דוד'ן קומען דאַנקען, מיט דוד לייזער'ן, דעם גרויסען, דעם מעכטיגען, דעם אונשטערבליכען דוד לייזער'ן — — — איך געה.

(אַ ש מ ד אַ י נעהט אַב.

שטיל. עס שווייגען די שטיינער, עס שווייגען די שטומע טויערן, וואָס דריקען די ערד מיט זייער שווערקייט אָהן אַ שיעור, עס שווייגט דער פערגליווער־טער, פערשטיינערטער שומר. שטיל. אָבער צו נים די טריט פון אַ ש מ ד אַ י האָבען דאָס אויפגעוועקט אַן אונרוהיגע, טומעלדיגע עכאָ? איינס, צוויי — ס'געהט ווער שווער. איינס, צוויי — האַמעטנע טרעט ווער אַ שווערער; איין טראָט, און נעהענדע זיינען פיעל. עס שווייגט דער געהענדער — און ס'ציטערט שוין די שטילקייט, און עס טרייסעלט דאָס שווייגען, אַ רגע פון אונרוה־קלאַנגען, פון אונמעכטיגקייט און פון ציטע־רענדע הינרייסונגען, און מיט אַמאָל צופלאַקערט זיך דאָס. שווייגען מיט געלע, הויכע פלאַמען: דאָס אונטען ערגעץ, אין דער אַנגעזעהענער ערדישער ווייטקייט, מיט אַ קופּער־קלינ־גענדען, רעבעלישען געשריי, שרייען די לאַנגע טרומייטען, וועלכע מען טראָגט אין די הויך געהויבענע הענד, וואָרום צו דער ערד און צום הימעל איז געווענדעט זייער רוף־געשריי, זייער רעבעלישער יאָמער.

איינס, צוויי — איצט איז שוין קלאָהר, אַז דאָס בע־וועגט זיך דער המון: זיין מורא'דיגער קול, זיין צונויפגעגאָ־סען־בעזונדערער יאָמער, די רוישיגע, טומעלדיגע רייד; און אין זיינע אונטערשטע שיכטען, אין אַ לאַבירינט פון געבראָ־כענע, דונקעלע איבערגאַנגען, ענטשטעהט דער ערשטער, קלאָהרער קלאַנג, באַלד אַ וואָרט, באַלד דער נאָמען: דאָ־אָ־וו־וויד. שאַרפער צייכענט ער זיך אויס, הויבט זיך אויף העכער און איבער די קעפּ טראָגט זיך שוין פליסיג דער קלאַנג — אויף

די פליגלען פון'ם קופערנעם יאָמער, אויף די שווערע קלעפּ פון די טרעטענדע פיס.

ד־דאָ־ור־וויד, ד־ד־אָור־ווי־יד, דאָ־אָ־ווי־יד.

ער גיסט זיך צונויף אין אַקאָרדען. ווערט דאָס געזאַנג פון מיליאָנען. עס הילכען די טרומייטען — קלינגענדע קולות — קופער־הייזעריגע, מיעד געוואָרענע — — רופען.

הערט זיי דער ע מ י צ ע ר, וואָס בעוואכט דעם אריינ־גאַנג? מיט יאָמער־געוויין זיינען בעדעקט די גרויע שטיינער— צו זיינע פיס ערהויבען זיך די ליידענשאַפטליכע קלאַנגען — אָבער אונבעוועגליך איז דער שומר, שווייגענדיג איז ער און שטום זיינען די אייזערנע טויערן. עס קראַכט דער תהום.

מיט איין קלאַפּ, וואָס צושפּאַלט די ערד, גיט זיך אַ ריס דאָס קופערנע רעווען און געשריי, און פון די ברוך־שטיקער, אזוי ווי אַ שטראָם פון די פעלזען, וואָס אַ בליץ האָט צוריסען, שלאָגט ארויס אַ צערטליכע, זינגענד־ליכטיגע מעלאָדיע.

דאָס ווערט אַנטשוויגען.

אַ שטילקייט. אַן אונבעוועגליכקייט. און ערוואַרטונג — ערוואַרטונג — און ערוואַרטונג.)

(פאָרהאַנג.)

צווייטעס בילד.

(אין זיד־רוסלאנד. זומערדינגער הייסער מיטען־טאָג.

א בריטער שליאַך, ביים ארויספאָהר פון א גרויסער, **בעפעל־** קערטער שטאָדט. דער וועג, וואָס ציהט זיך פון לינקען ווינקעל פון דער ביהנע און שניידט זי איבער אין דער קרים, פערבייגט זיך שאַרף אין דער טיעפקייט פון סצענע צו רעכטס. צוויי הויכע, אַלטע שטיינערנע זיילען, צובראָכענע און איינגעבוי־ גענע, בעצייכענען דעם גרענעץ פון שטאָדט. פון דער זייט שטאָדט־גרענעץ, ביים רעכטען זייל שטעהט אן אַלטע חורבה, וואָס איז אמאָל געווען א געל־געפארבטע וואך־שטיבעל, די שטוקאטור אָבגעפאַלען און די פענסטער פערשלאָגען. ביי די ברעגען פון וועג זיינען עטליכע קליינע קלייטלעך, צונויפ־ געקלאַפּטע פון דריאַניצעס; זיי זיינען אָבגעטהיילט איינע פון די אַנדערע מיט שמאָלינקע דורכגאַנגען — אינ'ם פער־ צווייפעלטען, אונמעכטיגען קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ, קריכען די קלייטלעך איינע אויף די אנדערע אָהן א טאָלק. זיי האנד־ לען מיט אַלע קליינינקייטען: מיט סעמעטשקעס, מיט אייז־ צוקערקעס, מיט דארע קישקע, מיט הערינג. נעבען יעדער קלייטעל איז א קליינע, שמוציגע, געעפענטע ברעט, דורך וועלכע עס איז עפעקטנע דורכגעצויגען א רעהר מיט צוויי קראַנטען: פון איין קראַנט רינט סאָדא־וואסער, א קאָפּיקע א גלאָז, פונ'ם צווייטען קראַן זעלצער־וואסער. איינע פון די קלייטלעך בעלאַנגט צו ד ו ד - ל י י ז ע ר'ן; די איבריגע — דעם גרעק פ ו ר י ק ע ס, דער יונגער אידענע ש י י נ ד ע ל צ י ט ר אָ ן און דעם רוס א י ו ו א ן ב ע ז ק ר א י נ י, וועל־ כער, א חוץ מסחר, פערריכט אויך שוכוואַרג, פערגיסט קאלאָ־ שען; ער איז אויך דער איינציגער וואָס האנדעלט מיט „עכט פּריצישען" קוואַס.

די זונן ברענט אָהן רחמנות און די עטליכע קליינע בוימער

מיט פערטריקענטע בלעטער פון היץ, שמאכטען נאָך רעגען; און קיינע מענשען אויף דעם שטויביגען וועג. הינטער די זיילען וואו דער וועג פערקעהרט זיך צו רעכטס, איז אַ הויכער בארג־אבריס, — אונטען ערגעץ אראָב לויפען זיך צונויף די שפיצען פון שיטערע בוימער. און, ארומכאַפּענדיג דעם גאַנצען האָריזאָנט, איז צושפּרייט דער ים מיט אַ רויכיג־בלויען פּאַס און שלאָפט טיעף אין ברען און גלאַנץ פון דער זון.

נעבען איהר קליינטעל זיצט שרה, דוד־לייזער'ס פרוי אַן אַלטע אידענע, אַן אויסגעמאַטערטע פון לעבען. זי פער־ריכט עפּעס שמאַטעס און שמועסט לאַנגווייליג מיט די איב־ריגע הענדלערקעס.)

שרה: קיינער קויפט ניט. קיינער טרינקט ניט קיין סאָדא־וואסער, קיינער קויפט ניט קיין סעמעטשקעס, און אַזעלכע וואוילע אייז־צוקערקעס, וועלכע צוגעהן אַליין אין מויל.

פּוריקעס (ווי אין עכאָ): קיינער קויפט ניט.

שרה: מען קען מיינען, אַז אַלע זיינען אויסגעשטאָרבען כדי נור קיין זאַך ניט צו קויפען. מען קען מיינען, אַז אויף דער גאַנצער וועלט זיינען מיר נור איינע מיט אונזערע מאַגאַזינעס, אין דער גאַנצער וועלט נור איינע.

פּוריקעס (ווי אין עכאָ): נור איינע.

בעזקראַיני: די זון האָט פערברענט די קונים — נור די סוחרים זיינען געבליבען, שרה.

(שטיל. ס'הערט זיך דאָס שטיל געוויין פון שיינדעל.)

בעזקראַיני: דו, שיינדעל, האָסט נעכטען געקויפט אַן עוף. האָסטו וועמען דער'הרג'עט, אָדער בע'גזל'ט, וואָס דו קענסט קויפען היהנער? און אויב דו ביזט אַזוי רייך און האָסט געלד בעהאַלטען, פאַר וואָס־זשע האַנדעלסט דו און לאָזט אונז ניט לעבען?

פּוריקעס (ווי אין עכאָ): לאָזט אונז ניט לעבען.

בעזקראַיני: שיינדעל, איך פרעג דיך — איז דאָס אמת, אַז דו האָסט נעכטען געקויפט אַן עוף? ליִיג ניט, איך ווייס דאָס פון ריכטיגע מענשען.

(שיינדעל שווייגט און וויינט.)

שרה: אז א איד קויפט א הוהן איז אָדער דער איד איז קראַנק אָדער די הוהן איז קראַנק. ביי שיינדעל ציטראָן שטאַרבט דער זוהן; נעכטען האָט ער אָנגעהויבען גוסס'ן און היינט וועט זיין דער סוף. ער איז א לעבעדיגער איינגעל און שטאַרבט לאַנג.

בעזקראַיני: פאַר וואָס־זשע איז זי געקומען אהער, ווען ביי איהר שטאַרבט א זוהן?

שרה: פאַר וואָס? ווייל מען דאַרף לייזען.

פוריקעס: מען דאַרף לייזען.

(שיינדעל וויינט.)

שרה: נעכטען האָבען מיר גאָר ניט געגעסען, געוואַרט אויף היינט; און היינט וועלען מיר גאָרניט עסען, וואַרטענדיג אז מאָרגענדיגער טאָג וועט ברענגען קונים און גליק. — גליק! וויים ווער, וואָס דאָס איז אזוינס גליק? ביי גאָט זיינען אַלע מענשען גלייך, און אָט איינער לייזט צוויי קאָפּיקעס, און אַן אַנדערער לייזט דרייסיג. און איינער תמיד דרייסיג, און דער אַנדערער תמיד צוויי, און קיינער וויים ניט פאַר וואָס קומט דאָס א מענשען גליק.

בעזקראַיני: פריהער פלעג איך לייזען דרייסיג, און איצט לייז איך צוויי. פריהער האָב איך ניט געהאַט קיין פּריצישען קוואַס, איצט אָבער האָב איך פּריצישען קוואַס, און לייזען לייז איך צוויי קאָפּיקעס. דאָס גליק בייט זיך.

פוריקעס: דאָס גליק בייט זיך.

שרה: מיין זוהן, נחום, איז געקומען פריהער און פרעגט: מאַמע, וואו איז דער טאַטע? זאָג איך איהם: צו וואָס דאַרפסט דו וויסען, וואו דער טאַטע איז. דיין טאַטע, דוד לייזער, איז א קראַנקער, אַן אונגליקליכער, וואָס דאַרף באַלד שטאַרבען, און ער געהט אַרום אויפ'ן ברעג ים, אליין א שמועס טהון מיט גאָט וועגען זיין מזל. ריהר ניט דעם טאַטען, ער האַלט באַלד ביים שטאַרבען — זאָג מיר בעסער וואָס דו ווילסט זאָגען. ענטפערט מיר נחום אזוי: אָט וואָס איך וועל דיר זאָגען, מאַמע, — איך הייב אָן שטאַרבען, מאַמע. נחום האָט דאָס מיר אזוי געענטפערט. און ווען מיין

אַלטער, דוד לייזער, האָט זיך אומגעקעהרט, זאָג איך איהם: דו ביזט נאָך אַלץ אזא עקשן אין דיינע צדקות? לעסטער גאָט און שטאַרב. וואָרום עס הייבט דאָך שוין אָן שטאַרבען דיין זוהן נחום.

(שיינדעל צוואויינט זיך שטאַרקער.)

פוריקעס (קוקט זיך פּלוצלונג אַרום צושראָקען): און וואָס... און וואָס, אז מענשען וועלען גאָר אויפהערען קויפען?

שרה (צושראָקען): וואָס הייסט גאָר?

פוריקעס (מיט גרעסערן שרעק): אזוי, וועלען מיט אמאָל גאָר אויפהערען קויפען. וואָס־זשע וועלען מיר דעמאָלט טהון?

בעזקראַיני (אונרוהיג): ווי קען דאָס זיין, אז מענשען זאָלען גאָר אויפהערען קויפען? דאָס קען ניט זיין.

פוריקעס: ניין ס'קען ניט זיין. מיט אמאָל וועלען אַלע אויפהערען קויפען..

(אַלע בעפאַלען פון שרעק; אפילו שיינדעל האָט אויפ־געהערט וויינען און אַ בלייכע קוקט זי זיך אַרום צושראָקען מיט איהרע שווארצע אויגען אויפ'ן וויסטען שליאַך. די זון ברענט אָהן רחמנות. פון ווייטען ביים פערקירעוועץ פונ'ם וועג ווייזט זיך א ש מ ד א י.)

שרה: אַ קונה!

פוריקעס: אַ קונה.

שיינדעל: אַ קונה! אַ קונה!

(זי וויינט ווייטער. א ש מ ד א י קומט צו נעהנטער. ער טראָגט, ניט קוקענדיג אויף די היץ, אַ שווארצען ראָק פון דינעם געוואַנד, אַ שווארצען צילינדער, שווארצע האַנדשוה; דער האַלזטוך איז נור וויס, צוגעבענדיג דעם גאַנצען קאָסטיום אַ יום־טוב'דיגען און אַנשטענדיגען אויסזעהען; ער איז הויך, געוויקסיג, און פאַר זיינע גרויע האָאר איז ער גראַד און שלאַנק. דער פּנים פון דעם פערשאָלטענעם האָט אַ דונקעל־גרויע פאַרב; די געזיכטסציגע שטרענג און אייגענאַרטיג שעהן; ווען אשמדאי נעהמט אַראָב זיין צילינדער, ווייזט זיך דער אונ־געהויערער שטערן, צופאַסעוועט מיט קנייטשען און אונמעסיג

גרויסער קאָפּ מיט שוואַרץ־גרויע אויפגעהויבענע האָר. ווי דער מורא'דיגער שטערן אזוי ערשיינט אויך דער משונה'דיגער נאַקען: אַ פול־אָדערנדיגער, געזונדער נאַקען, זעהר דין און לאַנג, און מיט זיין נערוועזען צוקען און בויגען טראָגט ער דעם קאָפּ ווי אַ שווערע משא וואָס מאַכט איהם אויסזעהען שרעקליך נייגיעריג, און געפעהרליך.

שרה: צו ווילט איהר ניט אַ גלאָז סאָדע־וואַסער, מיין הערר, ס'איז אזא היץ, אזוי ווי אין גיהנום, און אז מען זאָל ניט טרינקען קען מען שטאַרבען פון זון־שטיך.

בעזקראַיני: עכטער פּריצישער קוואַס.

פוריקעס: וויאָלעטען־וואַסער! נאָט מיינער, וויאָלעטען־וואַסער!

שרה: סאָדע, סעלצער!

בעזקראַיני: טרינקט ניט איהר סאָדע־וואַסער, פון איהר וואַסער פגר'ן מייז, און טאַראַקאַנעס שטעלען זיך דיבאָם.

שרה: ווי שעהמט איהר זיך דאָס ניט, איוואַן, אָבשלאָגען קונים. איך זאָג דאָך גאָרניט וועגען אייער פּריצישען קוואַס, וועלכען נור משוגענע הינד קענען טרינקען.

פוריקעס (מיט שמחה): הערר קונה! הערר קונה! זייט מוחל, קויפט גאָרנישט ביי מיר; איך דאַרף אפילו ניט איהר זאָלט ביי מיר קויפען — איך דאַרף נור בלויז אָנקוקען אייך. שיינדעל, דו זעהסט, אַ קונה!

שיינדעל: איך זעה ניט. איך קען ניט זעהן.

(אשמדאי נעהמט אראָב זיין צילינדער און גריסט העפליך אַלעמען.)

אשמדאי: איך דאַנק אייך. איך וועל מיט פערגניגען אויס־טרינקען אַ גלאָז סאָדע־וואַסער, און אפשר אפילו אַ גלאָז פּריצישען קוואַס. אבער איך וואָלט וועלען וויסען, וואו איז דאָ דוד־לייזער'ס קליים.

שרה (פערוואונדערט): דאָ. איהר דאַרפט דוד'ן — איך בין זיין ווייב, שרה.

אשמדאי: יא, מאדאם לייזער, איך דארף זעהען דוד, דוד־לייזער'ן.

שרה (פערדעכטיג): איהר זייט געקומען אנזאגען עפעס א שלעכטע בשורה: דוד האט ניט קיין פריינד, וואס זאלען טראגען בגדים פון אזעלכע דינע געוואנד. איז געהט בעסער אוועק — דוד איז ניטא, און איך וועל אייך ניט זאגען, וואו ער איז.

אשמדאי (הארציג): בעאונרוהיגט זיך ניט, מאדאם, איך האב ניט געבראכט קיין שלעכטס. אבער ווי אנגענעהם איז צו זעהען אזא ליעבע — ליעבט איהר אייער מאן, מאדאם לייזער? מסתמא איז ער זעהר א שטארקער, געזונדער מענש און פערדיענט א סך געלד.

שרה (אנגעבלאזען): ניין, ער איז אן אלטער, א קראנקער און קען ניט ארבייטען. ער האט אבער מיט קיין זאך ניט געזינדיגט, ניט גענגען גאט, ניט געגען מענשען, און אפילו שונאים וועלען וועגען איהם קיין שלעכט ווארט ניט זאגען. אט איז זעלצער־וואסער, מיין הערר, דאס איז בעסער פון סאדע־וואסער. און אויב איהר האט קיין מורא ניט פאר דער היץ, טא זעצט זיך צו, איך בעט אייך, און ווארט א ווילע: דוד וועט באלד קומען אהער.

אשמדאי (זעצט זיך צו): יא, איך האב זעהר פיעל גוטעס געהערט וועגען אייער מאן, נור איך האב ניט געוואוסט, אז ער איז אזוי קראנק און אלט. זיינען ביי אייך פאראן קינדער, מאדאם לייזער?

שרה: געוועזען זעקס, זיינען די ערשטע פיער געשטארבען.

אשמדאי (מיטליידיג): אי־אי־אי.

שרה: יא, מיין הערר, מיר האבען שלעכט געלעבט, און עס זיינען געבליעבען צוויי. מיין זוהן נחום...

בעזקראיני: א גארנישט, וועלכער מאכט זיך קראנק און שלעפט זיך ארום א גאנצען טאג איבער די גאסען.

שרה: הערט אויף, איוואן. ווי שעהמט איהר זיך ניט צו בערעדען עהרליכע מענשען. נחום געהט ארום, ווייל ער דארף קריגען קרעדיט. און ביי אונז, מיין הערר, איז פאראן אויך א

טאָכטער, מען רופט זי רויזע. אבער צום בעדויערען איז זי צו שעהן, צו שעהן, מיין הערר. גליק — וואָס איז אזוינס גליק? איינער שטארבט פון פּאָקען, און אנאַנדערער דארף פּאָקען, איז ניטאָ, און דער פּנים איז ריין ווי א בלינציק.

אשמדאי (מאַכט זיך איבערראשט): פאַר וואָס־זשע פערדריסט דאָס איך? שעהנקייט איז א מתנה פון גאָט, וועלכע ער טהיילט צו דעם מענשען, און דערמיט דערהייבט ער איהם און מאַכט איהם נעהנטער צו זיך.

שרה: ווער ווייס? אפשר א מתנה פון גאָט, און אפשר פון ווענען־עס־איז אַן אנדערען, ווענען איך וויל ניט דערמאָנען. נור אבער איך ווייס ניט, צו וואָס דאַרף א מענש שעהנע אויגען, ווען ער דאַרף זיי בעהאַלטען. צו וואָס א ווייסען פּנים, אויב ער דאַרף איהם פערשמירען מיט רויך און בלאָטע, כדי מען זאָל ניט זעהען. א צו געפעהרליכער אוצר איז שעהנקייט, און עס איז גרינגער איינהיטען געלד פון א גזלן, איידער שעהנקייט פון א שעלכטען. (מיט חשד.) צו זייט איהר אפשר ניט איבער דעם געקומען זעהען רויזען? איז געהט בעסער אוועק: רויזע איז דאָ ניטאָ, און איך וועל אייך ניט זאָגען, וואו זי איז.

פוריקעס: א קונה, שרה, זעה: געקומען א שונא.

שרה: יא, יא, פוריקעס. ער וועט אבער ניט קויפען דאָס, נאָך וואָס ער איז געקומען, און וועט ניט געפינען דאָס, וואָס ער זוכט.

(אשמדאי שמייכעלט אנגענעהם און הערט זיך צו מיט אינטערעס צום געשפּרעך; יעדעס מאָל ווען איינער הייבט אָן רעדען, ציהט ער אוים זיין האַלז און גיט א קעהר דעם קאָפּ צום רעדענדען, האַלטענדיג דעם קאָפּ אביסעל אויף א זייט. מאַכט גרימאַסען ווי אַן אקטיאָר, אויסדריקענדיג אמאָל בע־וואונדערונג און אמאָל פערדרוס אָדער אונצופריעדענהייט. לאַכט אָבער גאַנץ ניט פּאַסיג און שרעקט און פערוואונדערט דערמיט די שמועסער.)

בעזקראַיני: אומזיסט ביזטו אזא טהייערע סוחר׳טע, שרה,

און דו פערקויפסט ניט, ווען מען קויפט. יעדע סחורה ווערט פער־לעגען און פערליערט דעם מקח.

שרה (מיט טרעהרען): וואס פאר א שלעכטער איהר זייט, איוואן; איך האב דאך אייך געפענט א קרעדיט אויף צעהן קאפי־קעס, און איהר ווייסט בלויז איין זאך, זידלען אונז.

בעזקראיני: הערט זיך ניט צו צו מיר, שרה. איך בין בייז, ווייל איך בין הונגעריג. און איהר, הערר אין שווארצען אנצוג, געהט אוועק פון דאנען. שרה איז אן עהרליכע אידענע און וועט אייך ניט פערקויפען איהר טאכטער, ווען איהר זאלט איהר אפילו פארשלאגען מיליאנען.

שרה (היציג): יא, יא, איוואן, א דאנק אייך. און ווער האט דאס אייך געזאגט, מיין הערר, אז אונזער רויזע איז שעהן? דאס איז ניט אמת — לאכט ניט, דאס איז ניט אמת. זי איז אזוי מיאוס, ווי די שטערבליכע זינד. זי איז בלאטיג, אזוי ווי א הונד, וואס קריכט ארוים פון קוילען־פעררויכערטען דאמפפער. איהר פנים איז געשטופעלט פון פאקען און זעהט אוים אזוי ווי א פעלד, פון וועלכען מען גראבט לוים און זאמד; און אויף דער רעכטער אויג איז ביי איהר א בעלמע, ווי ביי אן אלטען פערד. גיט נור א קוק אויף איהרע האאר: אזוי ווי אבגעקראכענע וואלל, וואס פויגלען האבען א העלפט צושלעפט. און זי איז דאך הייקערדיג, ווען זי געהט. איך שווער אייך, זי איז ווי א הייקער, ווען זי געהט. אלע וועלען דאך פון אייך לאכען, אויב איהר וועט זי נעהמען; מען וועט דאך אייך פערשפייען, די גאסען־אינגלעך וועלען דאך אייך קיין רוה ניט געבען...

אשמדאי (פערוואונדערט): אבער איך האב דאך געהערט, מאדאם לייזער...

שרה (מיט וועהמוטה): איהר האט קיין זאך ניט געהערט. איך שווער אייך, אז איהר האט קיין זאך ניט געהערט.

אשמדאי: אבער איהר אליין האט דאך...

שרה (מיט געבעט): האב איך דען וואס געזאגט? אבער רבש"ע, ווייבער זיינען דאך פלוידערזעק, מיין הערר; און זיי

האָבען אזוי ליעב זייערע קינדער, אז זיי מיינען אַלע מאָל, אז זייערע קינדער זיינען שעהנהייטען. רויזע — א שעהנהייט! (צולאכט זיך הערט נור, פּוריקעס, רויזע — א שעהנהייט!...

(זי לאכט. פון שטאדט־זייט קומט אָן רויזע. די האָאר צוקודעלט, צואוואָרפען, אז זיי פערדעקען כמעט די שווארצע, בליצינע אויגען; דער פּנים פערשמירט מיט שווארץ; אָנ־געטאָן איז זי אומגעלומפּערט. געהט מיט א גראדען, יונגען טראָט, אבער, דערזעהענדיג אָן אונבעקאנטען הערן, הייקערט זי זיך איין, ווי אָן אַלטע.)

שרה: אָט, אָט איז רויזע, זעהט אדרבה. מיין גאָט, וואָס פאר א מיאוס'קייט זי איז: דוד וויינט יעדען מאָל, ווען ער גיט א קוק אויף איהר.

רויזע (בעליידיגט זיך און גלייכט אויס איהר טאַליע אונ־בערעכענט): פון דעסטוועגען זיינען פאראַן נאָך מיאוס'ערע פון מיר.

שרה (פערזיכערנדיג): וואָס איז מיט דיר, רויזע; ניטאָ אויף דער וועלט קיין מיידעל, מיאוס'ער פון דיר! (מורמעלט מיט געבעט.) בעהאַלט דיין שעהנהייט, רויזע! עס איז געקומען א גזלן, רוזיע — בעהאַלט דיין שעהנקייט. ביינאכט וועל איך אַליין אָבוואַשען דיין פּנים, וועל אַליין צוקאָמען דיינע צעפּ, און דו וועסט זיין שעהן, אזוי ווי א מלאך, און מיר וועלען זיך אַלע שטעלען אויף די קניע און וועלען צו דיר תפלה טהון. געקומען א גזלן, רויזע. (הויך.) מען האָט שוין ווייטער אין דיר געוואָרפען שטיינער?

רויזע (הייזעריג): יא, געוואָרפען.

שרה: און הינד זיינען דיך בעפּאַלען?

רויזע: יא, בעפּאַלען.

שרה: אָט זעהט איהר, מיין הערר. אפילו הינד.

אשמדאי (העפליך): יא, הפנים איך האָב געמאכט א טעות. צום בעדויערן איז אייער טאָכטער ווירקליך ניט שעהן, און עס איז שווער אויף איהר א קוק צו טהון.

שרה: נעווים זיינען פאראַן מיידלעך, וואָס זיינען נאָך

מיאוס'ער פון איהר... אבער... געה, רויזעלע, אהין, נעהם ארבייט — וואס בלייבט דען אן ארעמער, ניט קיין שעהנער מיידעל צו טהון, ווען ניט ארבייטען. געה, ארימע רויזעלע, געה.

(רויזע נעהמט די שמאטעס צום פעררינכטען און נעהט אוועק הינטערן קלייט. שווייגען.)

אשמדאי: שוין לאנג אז איהר האט דאס קלייטעל, מאדאם לייזער?

שרה (א בערוהיגטע): פון דרייסיג יאהר, פון דעמאלט אן זייט דוד איז קראנק געווארען. מיט איהם האט געטראפען אן אונגליק, ווען ער איז געווען אין מיליטער; פערד האבען איהם צוטראטען און צוקאליעטשעט זיין ברוסט.

אשמדאי: איז דען לייזער געווען א סאלדאט?

בעזקראיני (מישט זיך אריין): ביי לייזער'ן איז געווען אן עלטערער ברודער און איז געווען א לומפ, משה האט מען איהם גערופען.

שרה (זיפצט): משה האט מען איהם גערופען.

בעזקראיני: און אז ס'איז געקומען די צייט צו געהען אין מיליטער־דיענסט, איז משה אנטלאפען אויף אן איטאליענישען דאמפפער. האט מען אנשטאט איהם גענומען דוד'ן.

שרה (זיפצט): גענומען דוד'ן.

אשמדאי: וואס פאר אן אונגערעכטיגקייט!

בעזקראיני: און איהר האט דען וואר־עס־איז בעגעגענט אויף דער וועלט גערעכטיגקייט?

אשמדאי: געוויס האב איך בעגעגענט. איהר מוזט הפנים זיין זעהר אן אונגליקליכער מענש און אייך שטעלט זיך אלץ פאר אין שווארצען קאליר. אבער איהר וועט זעהען, איהר וועט אין גיכען דערזעהען, אז גערעכטיגקייט עקזיסטירט. (פריי ביי זיך.) א, צום טייפעל, איך האב ניט וואס צו טהון, שפאציער איך תמיד ארום איבער דער וועלט און איך האב פון קיין זאך ניט געזעהן אזוי פיעל, וויפיעל יושר. ווי זאל איך אייך זאגען, מאדאם לייזער? — יושר

איז פאראַן אַזוי פיעל אויף דער וועלט, מעהר איידער פליה אויף אַ גוטען הונד.

שרה (שמייכעלט): אבער ווי אַז מען קען דעם יושר אויף אַזוי ניט כאַפּען, ווי שווער עס איז צו כאַפּען פליה...

בעזקראַיני: און אויב די גערעכטיגקייט בייסט זיך אויך אַזוי ווי פליה?

(אַלע לאַכען. פון שטאַרט־זייט געהט אַן אויסגעמאַטער־טער קאַטערינטשיק, אַ האַלב־בלינדער פון שטויב און שוויס. ער וויל פאַרבייגעהן, נור פּלוצלונג שטעלט ער זיך אָב און פון פערצווייפלונג הייבט ער אָן צו שפּיעלען עפּעס שרעקליכעס.)

שרה: געהט אייך, זייט מוחל, געהט. מיר דאַרפען ניט האָבען קיין מוזיק.

קאַטערינשטשיק (שפּיעלט): און איך דאַרף אויך ניט קיין מוזיק.

שרה: מיר האָבען ניט וואָס צו געבען אייך. געהט.

קאַטערינשטשיק (שפּיעלט): נו, וועל איך שטאַרבען מיט מוזיק.

אשמדאי (גרויסמוטהיג): איך בעט אייך, מאַדאַם לייזער, גיט איהם אָבצועסען און וואַסער — איך וועל פאַר אַלעם בעצאָהלען.

שרה: וואָס פאַר אַ גוטער מענש איהר זייט. געהט, מוזיקאַנט, עסט און טרינקט. אבער פאַר'ן וואַסער וועל איך פון אייך גאָרניט נעהמען, זאָל דאָס וואַסער זיין מיינס.

(קאַטערינטשיק זעצט זיך און עסט מיט חשק.)

אשמדאי: שוין לאַנג ווי איהר שפּאַציערט אַרום אויף דער וועלט, מוזיקאַנט?

קאַטערינטשיק (כמורנע): פריהער האָב איך געהאַט אַן אָבעזיאַנע, מוזיק מיט אַן אָבעזיאַנע. האָבען די אָבעזיאַנע פליה צופרעסען, די מוזיק האָט אָנגעהויבען פייפען, און איך זוך אַ בוים, וואו אויפצוהענגען זיך. אָט איז אייך אַלעס.

(עס לויפט צו אַ מיידעלע, קוקט נייגעריג אויף דעם קאַ־טערינטשיק און ווענדט זיך דערנאָך צו שיינדלען.)

מיידעלע: שיינדעל, רויזע איז שוין געשטאָרבען.

שיינדעל: שוין?

מיידעלע: יא, נו, שוין געשטאָרבען. קען איך נעהמען סעמעטשקעס?

שיינדעל: ־ענסט נעהמען. שרה, אויב עס וועט קומען א קונה, זאָגט אז איך וועל מאָרגען וויעדער זיין אין קלייט, אז ניט סען ער נאָך מיינען, אז די קלייט איז שוין אין גאַנצען צוגעמאַכט. איהר האָט געהערט, רויזע איז געשטאָרבען.

שרה: שוין?

מיידעלע: יא, נו — שוין געשטאָרבען. וועט דער מוזיקאַנט שפּיעלען?

(אשמדאי סוד'עט זיך מיט שרה'ן און שטופּט איהר וואָס אין האנד.)

שרה: שיינדעל, נאַט אייך א רובעל; איהר זעהט — א רובעל?

בעזקראַיני: אָט דאָס הייסט גליק! נעכטען אן עוף, היינט א רובעל. נעהם, שיינדעל!

(אלע קוקען זשעדנע אויף דעם זילבערנעם רובעל. שיינ־דעל מיט דער מיידעלע געהען אוועק.)

שרה: איהר זיינט זעהר רייך, מיין הערר.

אשמדאי (זעלבסט־צופריעדען): נ—יא. איך האָב א גרויסע פּראַקטיקע — איך בין אדוואָקאַט.

שרה (שנעל): דוד האָט קיין חובות ניט.

אשמדאי: איך בין גאָרניט צוליעב דעם געקומען, מאַדאַם לייזער. ווען איהר וועט מיך קענען נעהנטער, וועט איהר זעהען, אז איך ברענג בלויז, און ניט איך נעהם; איך שענק, אבער נעהם ניט צוריק.

שרה (מיט פּחד): האָט אייך גאָט אהער צוגעשיקט?

אשמדאי: דאָס וואָלט געוועזן צופיעל כבוד פאַר מיר און פאַר אייך, מאַדאַם לייזער, אויב איך וואָלט געקומען פון גאָט. ניין, איך קום פון זיך אליין.

(נחום קומט צו, קוקט פערוואונדערט אויף דעם קונה און זעצט זיך צו אַ מידער אויף אַ שטיין. ער איז אַ הויכער, מאָגערער בחור מיט אַן ענגער ברוסט און מיט אַ לאַנגען בלייכען נאָז. ער קוקט זיך אום.)

נחום: וואו איז רויזע?

שרה (*שעפּצעט*): *ששש — זי איז דאָרט?* (הויך) נו, איז ווי איז דאָס, נחום, האָסט דו בעקומען קרעדיט?

נחום (*נאכלעסיג*): ניין, מאַמע, איך האָב זיך ניט דערשלאָגען קיין קרעדיט. איך הייב אָן שטאַרבען, מאַמע: אַלעמען איז הייס, און מיר איז זעהר קאַלט; איך שוויץ אויך, אבער ביי מיר איז אַ קאַלטער שווייס. איך האָב בעגעגענט שיינדלען. רויזע איז שוין געשטאָרבען.

שרה: דו וועסט נאָך לעבען, נחום, דו וועסט נאָך לעבען.

נחום (*נאכלעסיג*): יא, איך וועל נאָך לעבען. פאַר וואָס־זשע נעהמט ניט דער טאַטע? פאַר איהם איז שוין צייט צו געהען.

שרה: מאַך ריין אַ הערינג, רויזע. דער הערר וואַרט שוין לאַנג אויף דעם טאַטען, און דוד איז נאָך ניטאָ.

נחום: נאָך וואָס?

שרה: איך וויים ניט, נחום. אז ער איז געקומען, מסתמא דאַרף ער דאָך.

(שווייגען.)

נחום: מאַמע, איך וועל מעהר ניט זוכען קיין קרעדיט. איך וועל געהען מיט'ן טאַטען אויף'ן ברעג פון ים. עס איז שוין צייט פאַר מיר אַ פרעג טהון נאָט וועגען מיין מזל.

שרה: פרעג ניט, נחום, פרעג ניט!

נחום: ניין, איך וועל איהם פרעגען.

שרה (*מיט נעבעט*): מען דאַרף ניט, נחום, ניט פרעג.

אשמדאי: פאַר וואָס, מאַדאַם לייזער? האָט איהר דען מורא, אז גאָט וועט איהם ענטפערן עפּעס שלעכטס? מען דאַרף אביסעל מעהר גלויבען, מאַדאַם לייזער: ווען דוד וואָלט אייך הערען אַזוי רעדען, איהם וואָלטען אייערע ווערטער גאָר ניט

נעפעלען זיין.

קאַטערינשטשיק (הייבט אויף זיין קאָפּ): דאָס ווילסטו, יונגער בחור, רעדען מיט גאָט?

נחום: יאָ, איך. יעדער מענש קען רעדען מיט גאָט.

קאַטערינשטשיק: אַזוי מיינסטו? דאַן בעט ביי איהם אַ נייע קאַטערינקע. זאָג, אַז די פּייפט.

אשמדאי (מיטליידיג): ער קען אויך דערצעהלען שוין, אַז די אַבעזיאַנע האָבען פליה אויפגעגעסען — מען דאַרף אַ נייע

(ער לאַכט. אַלע קוקען אויף איהם מיט עפּעס אַ פאַר־לעגענהייט, אויסער דעם קאַטערינשטשיק, וועלכער שטעהט אויף און נעהמט זיך ווידער פאַר דער קאַטערינקע.)

שרה: וואָס ווילסטו דאָס טהון, מוזיקאַנט?

קאַטערינשטשיק: איך וויל שפּיעלען.

שרה: צו וואָס? מיר דאַרפען ניט קיין מוזיק.

קאַטערינשטשיק: איך דאַרף אייך בעדאַנקען פאַר אייער גוטסקייט.

(ער שפּיעלט עפּעס שוידערליכעס; די קאַטערינקע סקריפּעט, רייסט, פּייפט. אשמדאי, אויפהייבענדיג די אויגען צום הימעל פערטראַכט, מאַכט שטיל מיט'ן האַנד צום טאַקט, און פּייפט אונטער.)

שרה: מיין גאָט, ווי פּאַסקודנע!

אשמדאי: דאָס, מאַדאַם לייזער... (פּייפט אונטער) דאָס רופט זיך די וועלט־האַרמאָניע.

(אויף אייניגע צייט הערט אויף דער געשפּרעך; עס הערט זיך נור די רייסענדע שפּיעלעריי פון דער קאַטערינקא און דאָס טרוימערישע צופּייפען פון אשמדאי. די זון ברענט אונערבאַרמליך.)

אשמדאי: איך האָב ניט וואָס צו טהון, שפּאַציער איך איבער דער וועלט.

(בעגייסטערט זיך אַלץ מעהר. פלוצלונג רייסט זיך איבער מיט אַ כריפּענדיגען פּייף די קאַטערינקא, וועלכע

קלינגט נאָך לאַנג אין די אויערן, און אשמדאי ווערט פאַר־גליווערט מיט געהויבענער האַנד.)

אשמדאי (אין פאַרלעגנהייט): ענדיגט זיך ביי אייך אַלע מאָל אַזוי?

קאַטערינשטשיק: עס טרעפט אַז ערגער. אַדיע.

אשמדאי (זוכט אין קאַמזייל־טאַש): ניין, ניין, גייט אַזוי ניט אַוועק... איהר האָט מיר געבראַכט אמת'ן פאַרגניגען, און איך וויל ניט, אַז איהר זאָלט זיך דערוועגן. נאַט אייך קליין־געלד, לעבט זיך אייך.

שרה (האָט הנאה און פאַרוואונדערט): ווער וואָלט דאָס געקענט מיינען, קוקענדיג אויף אייער פּנים, אַז איהר זייט אַזאַ גוטער, פרעהליכער מאַן.

אשמדאי (גערייצט): אַ, שטעלט מיך ניט אין פאַרלעגענ־הייט, מאַדאַם לייזער, מיט אייערע שבחים. פאַר וואָס זאָל איך ניט העלפען אַן עהרליכען מענשען — וועלכער וואָלט זיך דערוועגן, אויב ניט. דאָס לעבען פון אַ מענשען איז אַ שעצבאַרע, מאַדאַם לייזער, און איך טראָג אַלע מאָל קליין־געלד מיט זיך... אבער צו איז דאָס אָפּטמאָלס ניט דוד־לייזער דער בכבוד'ער מאַן, וועלכען איך זעה?

(ער קוקט זיך צו אַהין, וואו דער וועג פאַרקירעוועט זיך צו רעכטס.)

שרה (קוקט זיך אויך צו): יאָ, דאָס איז דוד.

(אַלע וואַרטען שווייגענדיג. אויף דעם שטויביגען וועג פון דעם פאַרקעהר ווייזט זיך דוד לייזער, געהענדיג לאַנגזאַם. ער איז אַ הויכער, אַ ביינערדיגער, מיט לאַנגע, גרויע לאָקען און אויך אַזאַ באָרד; אויפ'ן קאָפּ אַ הויכע, קופּאָל־עהנליכע שוואַרצע הימעל; אין האַנד אַ שטעקען, מיט וועלכען אַזוי ווי ער וואָלט מעסטען דעם וועג. קוקט אַראָב־צו פון אונטער די לאַנגע, געדיכטע ברעמען; און אַזוי ניט אויפהייבענדיג די אויגען, לאַנגזאַם און ערנסט, געהט ער

אונטער צו די זיצענדע און בלייבט שטעהען אָנגעלעהנט מיט ביידע הענד אויפ'ן שטעקען.)

שרה (שטעהט אויף מיט כבוד): וואו ביזטו געווען, דוד?

דוד (ניט אויפהייבענדיג די אויגען): איך האָב געקוקט אויף די כוואַליעס, שרה, און האָב זיי געפרעגט: פון וואַנען זיינען זיי געקומען און וואוהין געהען זיי? ווע̄לען לעבען טראַכט איך דאָס, שרה: פון וואַנען קומט לעבען, און וואוהין געהט עס?

שרה: וואָס־זשע האָבען דיר די כוואַליעס געזאָגט, דוד?

דוד: זיי האָבען קיין זאַך ניט געזאָגט, שרה — — — זיי קומען און געהען אַוועק ווידער, און דער מענש אויפ'ן ברעג ים וואַרט אומזיסט אויף אַן ענטפער פון דעם ים.

שרה: מיט וועמען האָסט דו דאָרט געשמועסט, דוד?

דוד: איך האָב געשמועסט מיט גאָט, שרה, איך האָב **א י ה ם** געפרעגט וועגען דוד־לייזער'ס גורל, דעם גורל פון אַן אַלטען אידען, וועלכער דאַרף באַלד שטאַרבען.

שרה (פערציטערט): וואָס־זשע האָט דיר גאָט געזאָגט?

(דוד שווייגט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען.)

שרה: אונזער זוהן, נחום, וויל שוין אויך זיין מיט דיר אויפ'ן ברעג ים און פרעגען וועגען זיין מזל.

דוד (הייבט אויף זיינע אויגען): דאַרף דען נחום שטאַרבען אין גיכען?

נחום: יאָ, טאַטע, איך האָב שוין אָנגעהויבען שטאַרבען.

אשמדאי: אבער ערלויבט נור, מיינע העררען... צו וואָס רעדען וועגען טויט, ווען איך האָב אייך געבראַכט גליק און לעבען?

דוד (גיט אַ קעהר דעם קאָפּ): זייט איהר דען פון גאָט געקומען? שרה, ווער איז ער, וואָס רעדט עפּעס אַזוי?

שרה: איך ווייס ניט. ער וואַרט שוין לאַנג אויף דיר.

אשמדאי (מונטער, בעוועגליך): אַך, מיינע הערען, גיט זיך אַביסע̄ל אַ שמייכע̄ל. איין מינוט, מעהר ניט, הערט זיך צו, און איך וועל אייך אַלעמען מאַכען לאַכענדיג! אויפמערקזאַם, מיינע הערען, אויפמערקזאַם!

(אַלע קוקען אשמדאי אין מויל מיט אנגעשטרענגטע ניי־
נעריגקייט.)

אשמדאי (נעהמט ארויס אַ פּאַפּיער, נעהויבען): זייט איהר
ניט דוד־לייזער, דער זוהן פון אברהם־לייזער?

דוד (צושראָקען): נו, איך. אבער עס קען זיין, אז עס איז
פאראַן אַן אנדער דוד־לייזער. איך ווייס ניט, פרעגט זיך נאָך
ביי מענשען.

אשמדאי (שלאָגט איהם איבער מיט'ן האנד): האָט איהר
אַפּטמאָלס ניט געהאַט אַ ברודער משה לייזער, וועלכער איז מיט
פינף און דרייסיג יאָהר צוריק געלאָפען קיין אמעריקא אויף אַן
איטאַליענישען דאַמפּפער „פאָרטונא“?

אַלע: יאַ, יאַ.

דוד: אבער איך האָב ניט געוואוסט, אז ער איז אין אמעריקא.

אשמדאי: דוד לייזער, אייער ברודער משה איז געשטאָרבען!
(אַלע שווייגען.)

דוד: איך האָב איהם לאַנג מוחל געווען.

אשמדאי: און שטאַרבענדיג, האָט ער זיין גאַנצען פערמעגען,
וואָס בעשטעהט פון צוויי מיליאָן דאָלאַר (צו די ארומיגע) — וואָס
דאָס מיינט פיער מיליאָן רובעל — איבערגעלאָזען פאַר אייך, דוד־
לייזער.

(אַ ברייטער אויפזיפצען עפּעס טראָגט זיך דורך, און
אַלע בלייבען פערשטיינערט.)

אשמדאי (דערלאַנגט אַ פּאַפּיער): אָט איז דער דאָקומענט,
זעהט איהר — די חתימה.

דוד (שטויסט אָב דאָס פּאַפּיער): ניין, מען דאַרף ניט, מען
דאַרף ניט. ניט גאָט האָט אייך געשיקט. גאָט וועט אַזוי ניט
לאַכען פון אַ מענשען.

אשמדאי (הארציג): אַך, וואָס פאַר אַ לאַכען. אויף מיין
עהרענוואָרט, דאָס איז אַן אמת, — פיער מיליאָן. ערלויבט מיר
דעם ערשטען אייך זאָגען מזל טוב און היים אַ דריק טהון אייער
עהרליכע האנד. (נעהמט דוד'ס האנד און טרייסעלט שטאַרק.) נו,

מאַרשם לייזער, זעהט איהר וואָס איך האָב אייך געבראַכט ? וואָס וועט איהר איצט זאָגען ? איז אייער רויזע שעהן אָדער מיאוס ? אהאַ ! און איהר וועט איצט אָנהייבען דען שטאַרבען, נחום ? אהאַ ! (מיט טרעהרען.) אָט, וואָס איך האָב אייך געבראַכט, מענשען, און איצט ערלויבט מיר אוועקצוגעהען... און ניט שטערען...

(טראָגט צו די טישעל צו די אויגען און געהט אָב אַז אַ זייט, ווי עס שיינט, אַ צוטראָגענער.)

שרה (ווילד) : רויזע !

רויזע (אויך אזוי ווילד) : וואָס, מאַמע ?

שרה : וואַש איין דיין פּנים ! וואַש דעם פּנים, רויזע ! מיין גאָט, נר־זשע גיכער, וואַש דעם פּנים !

(טרייסעלט רויזע׳ן ווי אַ צומישטע, וואַשט זי, צופּלעס־קענדיג דאָס וואַסער מיט די ציטערנדע הענד. נחום כאַפּט דעם פּאַטער פאר׳ן האַנד און בלייבט כמעט הענגען אויף איהם. עס זעהט אויס, אַז אָט־אָט וועט ער אַראָב פון זינען.)

דוד : נעהמט דאָס פּאַפּיער צוריק. (מיט פעסטקייט.) נעהמט דאָס פּאַפּיער צוריק !

שרה : ביזטו פון זינען אַראָב, דוד ? הערט איהם ניט. וואַש, רויזעלע, וואַש ! זאָלען מענשען זעהן דיין שעהנקייט.

נחום (כאַפּט דאָס פּאַפּיער) : דאָס איז אונזערע, טאַטע ! טאַטע — אָט מיט וואָס גאָט האָט דיר געענטפערט. גיב אַ קוק אויף דער מאַמען, גיב אַ קוק אויף רויזען — אויף מיר גיב אַ קוק : איך האָב דאָך גאָר געוועזן שוין אנגעהויבען שטאַרבען.

פוריקעס (שרייט) : אי־אי, זעהט, זיי וועלען דאָך צורייסען דאָס פּאַפּיער. אי, אי, גיכער, נעהמט פון זיי אָב דאָס פּאַפּיער.

(נחום וויינט. רויזעל, גלאַנצענדיג מיט איהר שעהנקייט, שוין ניט פערדעקענדיג די אויגען מיט די האָאר, שטעלט זיך פאר׳ן פאַטער, לאַכענדיג.)

רויזע : דאָס בין איך, טאַטע, דאָס בין איך ! דאָס בין... איך !

שרה (משונה) : וואו ביזטו געוועזן, רויזע ?

רויזע: איך בין ניט געווען, מאמע; מאמע, איך בין געבוירען געוואָרען.

שרה: זעה, דוד, זעה: שוין א מענש געבוירען געוואָרען. אָך, קוקט־זשע אויף איהר אַלע. אָך, צועפּענט־זשע די טהירען פאר אייערע אויגען. די טויערן צועפּענט פאר די אויגען. קוקט אויף איהר אַלע.

(און פּלוצלונג בעגרייפט דוד די בעדייטונג פון דאָס, וואָס האָט פּאסירט. ער ווארפט אראָב די היטעל פון קאָפּ, רייסט די קליידער, וואָס שטיקען איהם; און, אָבשטויסענ־דיג אַלעמען, ווארפט ער זיך צו אשמדאי.)

דוד (בייז): פאר וואָס האָסט דו דאָס געבראַכט?

אשמדאי (ווייך): אבער ערלויבט, הערר לייזער, איך בין בלויז אַן אדוואָקאט. איך בין ווירקליך גערן.

דוד: פאר וואָס האָסט דו דאָס געבראַכט?

(שטויסט אָב מיט כעס אשמדאי; און שאָקלענדיג זיך נעהט ער אוועק אויפ'ן וועג. שטעלט זיך פּלוצלונג אָב, גיט זיך א קעהר צוריק און שרייט, טרייסלענדיג מיט די הענד.)

דוד: טרייבט איהם אוועק — דאָס איז דער טייפעל! איהר מיינט פיער מיליאָן רובעל האָט ער געבראַכט? ניין, ער האָט געבראַכט פיער מיליאָן בעליידיגונגען. פיער מיליאָנען חוזק האָט ער דאָס א וואָרף געטהאָן דוד לייזער'ן אויפ'ן קאָפּ. — — — פיער ימים ביטערע טרעהרען האָב איך פערגאָסען אויפ'ן לעבען; די פיער ווינטען פון דער ערד זיינען מיינע זיפצען געווען; מיינע פיער קינדער האָבען קראַנקהייט און הונגער אויפגעפרעסען, — און איצט, ווען איך דאַרף שטארבען, ברענגט מען מיר פיער מיליאָן. וועלען זיי דען מיר אומקעהרען די יונגע יאָהרען, וועלכע איך האָב אָבגעלעבט אין נויט, געמאַטערט פון יסורים, פון קלאָג, פון ביינק־שאַפט? וועלען זיי מיר אומקעהרען לכל הפחות איין טאָג פון מיין הונגער, איין טרעהר, וואָס איז געפאַלען אויף א שטיין, איין שפּיי, וואָס מען האָט מיר געגעבען אין פּנים? פיער מיליאָן קללות — אָט וואָס עס זיינען זיינע פיער מיליאָן רובעל!... אָ, חנה, אָ,

בנימין, רפאל, אָ, מיין קליינינקער משה ; איהר, מיינע קליינינקע עופה׳לעך וואָס זייט צושטאָרבען פון קעלט אויף די נאַקעטע צווייגען פון ווינטער — וואָס וועט איהר זאָגען, ווען אייער טאַטע וועט אָנריהרען אָט דאָס געלד ? ניין, איך דאַרף קיין געלד ניט. איך דאַרף קיין געלד ניט, זאָג איך אייך, איך, דער אַלטער איד וואָס שטאַרבט פון הונגער ! דאָ זעה איך ניט גאָט. אבער איך וועל געהען צו א י ה ם, איך וועל א י ה ם זאָגען : וואָס טהוסט דו מיט דוד׳ן ? — — — איך געה !

(געהט אַוועק, טרייסלענדיג מיט די הענד.)

שרה : דוד, קעהר זיך אום, קעהר זיך אום.

פוריקעס (פערצווייפעלט) : דאָס פּאַפּיער, דאָס פּאַפּיער הייבט דאָך אויף.

אשמדאי (דרעהט זיך) : בערוהיג זיך, מאַדאַם לייזער, ער וועט זיך צוריקקעהרען. פון אָנהייב איז דאָס אַלע מאָל אזוי. איך בין געגוג אויסגעוועזן אין דער וועלט, און איך ווייס עס. דאָס בלוט גיט א שפּאַר אין קאָפּ, די פּיס ציטערן, און דער מענש שילט זיך. דאָס איז גאָר נישט.

רויזע : וואָס פאַר א קרומער שפּיגעל, מאַמע.

נחום (וויינט) : מאַמע, וואוהין איז דער טאַטע אַוועק ? איך וויל לעבען.

אשמדאי : וואַרפט אַוועק דאָס שטיקעל גלאָז, רויזע. אייער שעהנהייט וועלען מענשען אָבשפּיעגלען, אייער שעהנהייט וועט אָבשפּיעגלען די וועלט — אין איהר וועט איהר זיך בעקוקען... אָך, איהר זייט נאָך דאָ, מוזיקאַנט ? טאָ שפּיעלט דאָך אונז עפּעס, איך בעט אייך : אזא יום טוב טאָר ניט זיין אָהן כלי־זמר

קאַטערינשטשיק : דאָסזעלביגע שפּיעלען ?

אשמדאי : דאָסזעלביגע.

(די קאַטערינקע רעוועט און פייפט. אשמדאי פייפט צו מיט פוריע, צוקאָכט, און מאַכט מיט די הענד, אזוי עפּעס, ווי ער וואָלט בענשען אַלעמען מיט מוזיק און פייף.)

פאָרהאַנג.

דריטעם בילד.

דוד לייזער לעבט רייך. לויט דער פאָדערונג פון זיין ווייב און קינדער האָט ער געקויפט א רייכע ווילּלע אויפ'ן ברעג ים, האָט איינגעפיהרט דיענער מיט דיענסטען, פערד און עקיפּאַזשען. אשמדאי, אונטער דער אוסרייד, אז איהם האָט שוין דערעסען די אדוואָקאטור, איז געוואָרען ביי דוד'ן זיין פערזענליכער סעקרעטער. צו רויזען געהען לעהרער מיט לעהרערקעס; זיי לערנען זי שפּראַכען, מאַניערען; און נחום, וועלכער איז אזוי צוקרענקט, אז ער איז שוין נאָהענט פון טויט, האַלט נאָך אָן איין לעהרער, דעם לעהרער פון טאַנצען. דאָס געלד פון אמעריקא איז נאָך ניט געקומען, אבער פאַר דוד לייזער דעם מיליאָנער איז אָפען א גרויסער קרעדיט — אבער אלץ מעהר אויף זאכען, אויף סחורה, איידער אויף מזומן, וואָס עס פעהלט אביסעל אוים.

די סצענע שטעלט מיט זיך פאָר א רייכען זאַאל, ווייס־מאַרמאָרנע בעפּוצט, מיט גרויסע איטאַליענישע פענסטער און אַן ארויסגאַנג צום וועראַנדאַ. עס איז מיטאָג־צייט. פון די אָפענע פענסטער זעהען זיך האַלב־טראָפּישע פלאַנצען און די טיעפע בלויקייט פון ים; אין איינעם פון די פענסטער עפענט זיך די אויסזיכט אויפ'ן שטאדט.

ביים טיש זיצט דוד לייזער, זעהר טרויעריג. און אביסעל ווייטער אויפ'ן דיוואַן זיצט ברייטלעך שרה, רייך געקליידעט אבער אָהן געשמאַק, און זי קוקט, ווי נחום לערנט זיך טאַנצען. נחום איז זעהר בלייך, הוסט און שאָקעלט זיך כמעט פון שוואַכקייט, בעזונדערס, ווען ער דארף לויט די רעגעלן פון טאַנצען שטעהען אויף איין פוס. אבער ער לערנט זיך האַרט־נעקיג; ער איז געקליידעט זעהר עלעגאַנט, נור דער אויסער־געוועהנליך בונטער זשילעט (וועסט) פון שרייענדער פארב

און דער האַלזטוך פערדאַרבען דעם איינדרוק. אַרום נחום׳ען דרעהט זיך, באַלאַנסירענדיג און צוזעצענדיג זיך דער טאַנץ־לעהרער מיט אַ פידעל און סמיק אין האַנד. דאָס איז אַ נעטער מאַן און אונגעוועהנליך לייכט אין בעוועגונגען; טראָגט אַ ווייסע וועסט, לאַקירטע שיכלעך — —

און אויף דאָס אַלעס קוקט אַשמדאי מיט אַ טרויעריגען פנים און מיט פאָרוואורף, שטעהענדיג ביים אַריינגאַנג.

לעהרער: איינס — צוויי — דריי; איינס — צוויי — דריי.

שרה: זעה, דוד, זעה, ווי נחום׳ן געהט עס דער טאַנץ. איך וואָלט בשום אופן אַזוי ניט געקענט שפּרינגען — אָרעמער יונג.

דוד: איך זעה.

לעהרער: הערר נחום איז זעהר טאַלענטפאָל. ביטע... איינס — צוויי — דריי. ערלויבט נור, ניט גאָר אַזוי. דעם פּאַ דאַרפט איהר מאַכען עכטער, ניט אָברונדען די בעוועגונג פון דער רעכטער פוס. אָט אַזוי, אָט אַזוי (ער ווייזט), טאַנצען, מאַדאַם לייזער, איז גאָר אַזוי ווי מאַטהעמאַטיק: דאָ דאַרף מען אַ צירקעל.

שרה: דו הערסט, דוד?

דוד: איך הער.

לעהרער: ביטע, מאָסיע נחום. איינס — צוויי — דריי; איינס — צוויי — דריי. (שפּיעלט אויפ׳ן פיעדעל.)

נחום (אָהן אָטהעם): איינס — צוויי — דריי; איינס — צוויי — דריי...

(דרעהט זיך און פאַלט שיער אום פּלוצלונג. שטעלט זיך אָב מיט אַן אויסגעמאַטערטען פנים, בלוטלאָז און טויטליך דער בליק — דער הוסט שטיקט איהם. הוסט זיך אויס און טאַנצט ווייטער.)

נחום: איינס, צוויי, דריי.

לעהרער: אָט אַזוי, אַזוי, מאָסיע נחום. נעטער, נעטער, איך בעט אייך. איינס, צוויי דריי.

(ער שפּיעלט. אשמדאי נעהט פאַרזיכטיג צו צו שרה'ן און זאָגט מיט אַן איינגעהאַלטענער שטימע, אבער גענוג הויך, אַז דוד זאָל איהם הערען.)

אשמדאי: דענקט איהר ניט, מאַדאַם לייזער, אַז נחום איז עטוואָס מיעד? דיעזער טאַנץ-לעהרער וועט ניט האָבען קיין רחמנות.

דוד (אַ קעהר טהון זיך): יאַ, גענוג, שרה, ביי דיר איז רעכט צו פערמאַטערן דעם אינגעל.

שרה (פערלאָרען): אבער וואָס בין איך שולדיג, דוד. זעה איך דען ניט, אַז ער איז מיעד — אבער אַז ער אליין וויל טאַנצען. נחום! נחום! גענוג, נחום! רוה זיך אָב.

נחום (געשטיקט פון הוסט): איך וויל טאַנצען. (שטעלט זיך אָב און טופּעט היסטעריש.) פאַר וואָס ערלויבט מען מיר ניט טאַנצען. אָדער אַלע ווילען אַז איך זאָל וואָס גיכער שטאַרבען?

שרה: דו וועסט נאָך לעבען, נחום, וועסט נאָך לעבען.

נחום (כמעט וויינענדיג): פאַר וואָס ערלויבט מען מיר ניט טאַנצען? איך וויל טאַנצען. איך האָב שוין גענוג געמאַטערט זיך קריעגען קרעדיט; איך וויל פרעהליך זיין. בין איך דען אַלט און איך זאָל ליעגען אין בעט און הוסטען, הוסטען, הוסטען!

(הוסט און וויינט אין דערזועלבער צייט. אשמדאי ראַמט איין אַ סוד דעם טאַנץ-לעהרער, און דער גיט נעט אַ קוועטש מיט'ן פּלייצע אַלס אַ צייכען פון מיטלייד, שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ און קלייבט זיך אוועקצוגעהן.)

לעהרער: ביז מאָרגען, הערר נחום. איך האָב מורא אונזער לעקציאָן נעהמט צו לאַנג.

נחום: מאָרגען... קומט, ניט אנדערש. איהר הערט, איך וויל טאַנצען.

(דער לעהרער נעהט אוועק, געזעגענענדיג זיך. נחום געהט נאָך איהם מיט אַ בריה'שדיגען גאַנג.)

נחום: מאָרגען, ניט אנדערש, איהר הערט? ניט אנדערש. (געהען אב.)

אשמדאי: ווענען וואָס האָט איהר זיך פערטראַכט, דוד?

ערלויבט מיר צו זיין ניט בלויז אייער פערזענליכער סעקרעטער — הגם איך שטעלציר מיט דיזער עהרע — נור אויך אייער פריינד. זינט עס איז אַנגעקומען דאָס געלד, דריקט אייך עפּעס א מרה־שחורה, און דאָס קרענקט מיך, ווען איך קוק אויף אייך.

דוד: מיט וואָס זאָל איך זיך פרעהען, נולויוס?

שרה: און רויזע? זינדיג ניט פאר גאָט, דוד. האָבען אונזער אויגען ניט הנאה, קוקענדיג אויף איהר שעהנקייט און יונג־קייט? פריהער האָט אפילו די שטילע לבנה מורא געהאַט א קוק טהאָן אויף איהר; איין שטערען האָט דעם אַנדערען שטערען ניט געוואגט א שעפּצע טהאָן וועגען איהר — און איצט פאָהרט זי אין א קאַליאַסקע און אַלע קוקען אויף איהר, און רייטער גאַלאָפּירען נאָך איהר. בעטראַכט נור, נולליוס! — רייטער גאַלאָפּירען נאָך איהר!

דוד: און נחום?

שרה: איז וואָס נחום? ער איז דאָך שוין לאַנג קראַנק, דו ווייסט דאָס. און דער טויט אויף א ווייכער בעט איז ניט ערגער, איידער שטאַרבען אויף דער גאַס. און אפשר וועט ער נאָך לעבען. (וויינט) אפשר וועט ער נאָך לעבען. דוד, דאַרט דרויסען וואַרטען אויף דיר אברהם העססין און שיינדעל'ס מיידעלע.

דוד (טרויעריג): וואָס דאַרפען זיי, געלד? גיב זיי, שרה, עטליכע גראָשען, און זאָלען זיי געהן.

שרה: סוף כל סוף וועלען זיי ביי אונז ארויסשלעפּען דאָס גאַנצע געלד, נולליוס. שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי איך גיב העססינען. ער איז אזוי ווי זאמד, וויפיעל מען זאָל אין איהם ניט גיסען קיין וואַסער, וועט ער אַלץ זיין טרוקען און זשעדנע.

דוד: שטות, געלד איז פאַראַן ביי אונז צו פיעל, שרה. אָבער מיר איז שווער צו קוקען אויף מענשען, נולליוס. זינט איהר האָט אונז געבראַכט די עשירות....

אשמדאי: וועלכע איהר האָט פערדיענט מיט אייערע יסורים, לייזער.

דוד: פון דעמאָלט אָן האָבען זיך מענשען אזוי שלעכט גע־

ביטען. ליעבט איהר ווען מען בייגט זיך פאר אייך צו נידעריג, נולליוס? און איך האב דאס פיינד — מענשען זיינען ניט קיין הינד, וואס זיי זאלען קריכען אויפ'ן בויך. און ליעבט איהר, נולליוס, ווען מענשען זאגען אייך, אז איהר זייט דער קליגסטער, דער גרויס־מוטהיגסטער, דער בעסטער פון אלע לעבעדיגע, אין דער צייט ווען איהר זייט א געוועהנליכער אלטער איד, ווי פיעלע אזעלכע. איך האב דאס ניט ליעב, נולליוס : פאר די קינדער פון דעם גאט פון אמת וחסד פאסט זיך ניט צו זאגען שקרים, ווען אפילו עס זאל אויסקומען שטארבען פון די אכזריות פון'ם אמת.

אשמדאי (פערטראכט) : רייכקייט איז א מורא'דיגע מאכט, לייזער. קיינער פרעגט אייך ניט, פון וואנען קומט צו אייך געלד : זיי זעהען אייער מעכטיגקייט און זיי נייגען זיך פאר איהר.

דוד : מעכטיגקייט? און נחום? און איך אליין, נולליוס? — קען איך פאר אלע געלדער קויפען לכל הפחות איין טאג געזונד און לעבען?

אשמדאי : איהר זעהט אויס בעדייטענד פרישער.

דוד (שמייכעלט טרויעריג) : יא? צו זאל איך אפשר ניט נעהמען פאר זיך א טאנץ־לעהרער — גיט אן עצה, נולליוס.

שרה : פערגעס אבער ניט רויזען, פאטער. איז דען ניט אן עבירה פאר גאט צו פערדעקען די שעהנקייט פון פנים. פאר דער פרייד און הנאה פון אונזערע בליקען איז שעהנקייט געגעבען געוואָרען ; אין דער שעהנקייט פון'ם פנים ווייזט זיין שעהנקייט גאט גופא ; האבען מיר דען ניט אויפגעהויבען יעדען טאג די האנד געגען גאט אליין, ווען מיר האבען מיט סאזשע און קוילען געשמירט דעם פנים פון אונזער רויזען און געמאכט זי פאר א סטראשידלע און א צרה פאר די בליקען?

דוד : שעהנקייט פערוועלקט, אלעס שטארבט, שרה.

שרה : אבער די ליליע וועלקט דאך אויך און עס שטארבט אויך די נארצים־בלום ; עס שיטען זיך אראב די בלעטלעך פון דער געלער ראזע — וועסטו דען דערפאר וועלען צוטרעטען אלע בלומען און די געלע ראזע בעשמוצען מיט לעסטערונג. צווייפעל ניט,

דוד: דער גערעכטער גאָט האָט דיר געגעבען עשירות — און דו, וואָס ביזט אין אונגליק געווען אזוי פעסט, אז דו האָסט קיין איין מאָל ניט געלעסטערט גאָט, וועסט דו דען אין גליק שוואך ווערען?

אשמדאי: זעהר גערעכט, מאדאם לייזער. ביי רויזען זיינען שוין אזוי פיעל חתנים, אז זי דארף נור אויסקלייבען.

דוד (שטעהט אויף מיט כעס): איך וועל זיי ניט אָבגעבען רויזען.

שרה: נו, וואָס רעדסטו, דוד!

דוד: איך וועל זיי ניט אָבגעבען רויזען. הינד, וואָס ווילען ושלוקען פון א גילדערנע שיסעל — הינד וועל איך ארויסיאָגען.

(רויזע קומט אריין. זי איז געקליידעט רייך, נור איינפאך, אָהן צופיעל פוץ; זי איז עטוואָס בלייך און מיעד, נור זעהר שעהן — אזוי ווי פון איהר וואָלטען זיך ציהען שטראהלען און שאָטענס פון דער לבנה. זי בעמיהט זיך אויך שעהן צו ריידען און בעוועגען זיך, פאָלגט זיך נאך אויפמערקזאם, אבער ווייל־ווייז שלאָגט זיך דאָס איבער — זי ווערט גראָב, שרייעריש. און דאָס מאטערט זי. איהר בעגלייטען צוויי הערען אין רייט־קאָסטיומען; דער עלטערער פון זיי איז זעהר בלאָס, כמורעט זיך טרויעריג און בייז. און צודריקענדיג זיך צו רויזען, אזוי ווי זוכענדיג א בעשיצונג אין איהר יונגקייט, שלעפט זיך נאך שוואך נחום.)

דוד (גאַנץ הויך): שרה — חתנים.

שרה (גיט א מאך מיט'ן האנד): אך, דוד, ווער אנטשוויגען.

רויזע (קוסט לייכט די מוטער): ווי איך בין מיעד, מאמע. גוטען טאָג, טאטע.

שרה: היט זיך, רויזעלע: מען טאָר ניט אזוי פיעל לעהרנען. (צום עלטערן הערען) זאָגט איהר וועניגסטענס איהר, אז מען טאָר אזוי פיעל ניט ארבייטען. — צו וואָס דארף זי איצט ארבייטען?

יונגער הערר (שטיל): אייער טאָכטער דארף מען אנבעטען, מאדאם לייזער. באלד וועט מען פאר איהר א טעמפעל בויען.

עלטערער הערר (שמייכעלט): און נעבען טעמפעל — א

בית־עולם. נעבען טעמפּלען, מאַדאַם לייזער, זיינען תמיד פאַראַן בית־עלמין׳ס.

רויזע: אויף ווידערזעהן. איך בין מיעד. אויב איהר זייט פריי, קומט צופאָהרען מאָרגען פריה — אפשר וועל איך ווידער אויספאָהרען מיט אייך.

עלטערער הערר (קוועטשט מיט׳ן פּלייצע): פריי? א, יא, זיכער, מיר זיינען פאָלשטענדיג פריי. (שאַרף) אויף ווידערזעהן!

יונגער הערר (אונרוהיג): אויף ווידערזעהן.

(געהען אב.)

שרה (אונרוהיג): רויזעלע, דו האָסט איהם, דוכט זיך, בעליי־דיגט. פאַר וואָס ביזטו אַזוי?

רויזע: עס מאַכט נישט, מאַמע.

אשמדאי (צו דוד׳ן): נו, דאָס זיינען נאָך ניט קיין חתנים, דוד.

(דוד לאַכט בייזלעך; אשמדאי אָבער, ניט אויסהאַלטענ־דיג זיין כאַראַקטער, לויפט צו צו רויזען און שלאָגט איהר פאַר זיין אָרעם; פיהרט זי האַלב־טאַנצענדיג און פייפט צו פרעהליך דעם זעלבען מאָטיוו, וואָס די קאַטערינקע.)

אשמדאי: אַך, רויזע, ווען ניט מיינע יאָהרען (פייפט צו), און ניט די קראַנקהייט, איך וואָלט געוועזן דער ערשטער בעלן אויף אייער האַנד.

רויזע (לאַכט מיט גאוה): בעסער קראַנקערהייט, איידער טויט.

דוד: איהר זייט דאָך זעהר א פרעהליכער מענש, נולליוס.

אשמדאי (פייפט): ווען מען האָט ניט קיין עשירות און מען האָט א ריינעם געוויסען, דוד, א ריינעם געוויסען. איך האָב ניט וואָס צו טהאָן, שפּאַציר איך געאַרעמט. זאָגט איהר — טויט, רויזע?

רויזע: פּרופּט.

אשמדאי (שטעלט זיך אָב): און איהר זייט דאָך ווירקליך שעהן, רויזע. (נאָכדענקענד) און וואָס, אויב... אויב... נור ניין:

פּליכט איז העכער פון אַלעס. פאָלגט מיך, רויזע, איהר זאָלט זיך קיינעם ניט אָבגעבען, סיידען מינדסטען א פירסט, און ווען אפילו ער זאָל זיין דער פירסט פון פינסטערניס.

נחום: רויזינקע, פאַר וואָס ביזטו אוועק פון מיר. מיר איז קאַלט, ווען דו האַלטסט מיך ניט פאַר'ן האַנד. האַלט מיין האַנד, רויזינקע.

רויזע(קווינקעלט): אָבער איך דאַרף זיך איבערטהאָן, נחום.

נחום: איך וועל דיך בעגלייטען ביז'ן שלאָף־צימער. ווייסט דו, היינט האָב איך דאָך ווידער געטאַנצט, און זעהר גוט, ווייסט דו? איך בלייב שוין איצט אזוי אָהן אָטהעם. (מיט פערגעטערונג און עטוואָס קנאה) ווי שעהן דו ביזט, רויזינקע!

שרה: וואַרט, רויזעלע, איך אַליין וועל דיר צוקעמען די האָאר. ועסט דו מיר ערלויבען?

רויזע: אָבער, מאַמאַ, איהר מאַכט דאָס שלעכט; איהר קוסט מעהר, איידער איהר קאַמט; די האָאר ווערען צופּלאָנטערט פון די קוסען.

דוד: דו ענטפערסט דער מאַמען, רויזע.

רויזע (בלייבט שטעהן): פאַר וואָס האָסט דו פיינד מיין שעהנקייט, טאַטע?

דוד: פריהער האָב איך ליעב געהאַט דיין שעהנקייט, רויזע.

שרה (עמפּערט): וואָס רעדסט דו, דוד.

דוד: יא, שרה. איך האָב ליעב דעם פּערל, ווי לאַנג ער איז אויפ'ן גרונד פון ים; ווען מען נעהמט איהם אבער ארויס, ווערט ער בלוט, און דאַן ליעב איך ניט קיין פּערל, שרה.

רויזע: פאַר וואָס האַסט דו מיין שעהנקייט, טאַטע? ווייסט דו, וואָס אַן אַנדער מיידעל וואָלט געטהאָן אויף מיין פּלאַץ — זי וואָלט אראָב פון זינען און וואָלט זיך ארומדרעהען איבער דער ערד אַזוי ווי א הונד, וואָס האָט דערשלונגען א שפּילקע. און וואָס טהו איך? איך לערן, טאַטע. טאָג און נאַכט לערן איך זיך, טאַטע. (שטאַרק אויפגערעגט) איך קען דאָך גאָר ניט. איך קען ניט ריידען,

אפילו געהן קען איך נים. איך בין דאָך הונגעריג, איך געה ווי א הויקער!

שרה: דאָס איז ניט אמת.

רוויזע (אויפגערעגט): אָט האָב איך זיך פערגעסען א ווײלע — און איך שריי שוין, קאַראַקע הייזעריג, ווי אַן ערקעלטעטע וואַראָנע. איך וויל זיין שעהן, טאַטע. איך וויל זיין שעהן, איך מוז זיין שעהן — איך בין נור צוליעב דעם געבאָרען געוואָרען. דו לאַכסט? אומזיסט. ווייסט דו, אַז דיין טאָכטער וועט זיין א הער־צאָגין, א פּרינצעסין? צו מיין קרוין וויל איך נאָך האָבען אויך א — — — — — —סצעפּטער!

אשמדאי: אַהאַ!

(יענע דריי געהען אָב. דוד, אָבוואַרטענדיג ביז זיי וועלען ארויס, שפּרינגט אויף בייז און געהט שנעל אום איבער'ן צימער.)

דוד: וואָס פאַר א קאָמעדיע! וואָס פאַר א קאָמעדיע, נולל־יוס. נעכטען האָט זי געבעטען ביי גאָט א הערינג, און היינט איז איהר שוין וועניג א קרוין. מאָרגען וועט זי שוין אָבנעהמען דעם טהראָן ביים טייפעל און וועט זיך אויף איהם אוועקזעצען, נולליוס, און וועט זיצען שטאַרק. וואָס פאַר א קאָמעדיע.

(אשמדאי האָט שוין געביטען זיין געזיכט: ער איז איצט שטרענג און טרויעריג.)

אשמדאי: ניין, דאָס איז א טראַגעדיע, דוד לייזער.

דוד: א קאָמעדיע, נולליוס, א קאָמעדיע — הערסט דו אין אַלעס ניט דעם געלעכטער פון טייפעל? (בעווייזט מיט'ן האַנד אויף'ן טהיר) דו האָסט געזעהן דעם מת, וועלכער טאַנצט — יעדען אין־דער־פריה זעה איך איהם.

אשמדאי: איז דען נחום אזוי געפעהרליך?

דוד: געפעהרליך? דריי דאָקטוירים, דריי וויכטיגע הערען, נולליוס, האָבען איהם אונטערזוכט נעכטען און האָבען מיר שטילינ־קערהייט געזאָגט, אז אין א חדש ארום וועט נחום שטאַרבען, אז ער איז שוין א מת, מעהר איידער העלפט. און יעדען אין־דער־פריה

זעה איך ווי אין דיזען ווייסען מארמאָרנעם זאאל שפּרינגט אַ מת אונטער מוזיק — איז דאָס דען ניט אַ חלום, נולליום? איז דאָס ניט אַ געלעכטער פון׳ם שטן?

אשמדאי: און וואָס האָבען זיי געזאָגט וועגען אייער געזונד, דוד?

דוד: איך האָב זיי גאָר ניט אָנגעהויבען צו פרעגען. איך וויל ניט מען זאָל מיר זאָגען: איהר קענט אויך שפּרינגען לויט דער מוזיק, דוד. ווי געפעהלט דאָס אייך, נולליום: צוויי חתנים וואָס טאַנצען אין אַ ווייסען מארמאָרנעם צימער?

(לאַכט טרויעריג און בייז.)

אשמדאי: איהר שרעקט מיך, מיין פריינד. וואָס טהוט זיך אין אייער נשמה?

דוד: ריהרט ניט מיין נשמה, נולליום — אין איהר איז אַן אימה! (כאַפּט זיך מיט׳ן האנד פאַר׳ן קאָפּ) — אַך, וואָס זאָל איך טהאָן? איך בין איינער אליין אויף דער גאַנצער וועלט.

אשמדאי: וואָס איז מיט אייך, דוד? בערוהיגט זיך.

דוד (שטעלט זיך אָב בעפאָר דעם אשמדאי, מיט פּחד): דער טויט, נולליום, דער טויט! איהר האָט אונז געבראַכט דעם טויט. בין איך דען ניט געוועזען שטום בעפאָר דעם טויט? האָב איך איהם דען ניט ערוואַרט, ווי אַ פריינד? נור אָט האָט איהר געבראַכט עשירות — און איך וויל טאַנצען. איך וויל טאַנצען, און דער טויט פערכאַפּט מיך פאַר׳ן האַרצען; איך וויל עסען, ווארום אין די סאַמע ביינער ביי מיר האָט זיך איינגעפרעסען דער הונגער, און דער אַלטער מאָגען שפּאַרט דאָס עסען צוריק; איך וויל לאַכען — און מיין פּנים וויינט, און די אויגען זיינען פערטרעהרט, און די נשמה יאָמערט פון׳ם פּחד פאַר׳ן טויט. אין מיינע ביינער איז הונגער און אין מיין בלוט איז שוין גיפט — ניטאָ פאַר מיר קיין רעטונג; דער טויט קומט אָן. (ער ביינקט.)

אשמדאי (פיעלדייטיג): אויף אייך וואַרטען אָרעמע-לייט, דוד.

דוד: נו איז וואָס?

אשמדאי: אויף אייך ווארטען ארעמע־לייט, דוד.

דוד: ארעמע־לייט ווארטען תמיד.

אשמדאי (שטרענג): איצט זעה איך, אז דו ביזט ווירקליך א פערלארענער, דוד, גאט האט דיך פערלאזען.

(דוד שטעלט זיך אב און קוקט איהם אן איבערראשט און בייז. אשמדאי פערוואָרפט דעם קאפ מיט גאוה און האלט אוים רוהיג און שטרענג דעם בליק. זיי שווייגען.)

דוד: דאס זאגט איהר מיר, נולליוס?

אשמדאי: יא, דאס זאג איך אייך, דוד לייזער; איהר זייט אין דער שליטה פון דעם שטן — זייט פארזיכטיג, דוד לייזער.

דוד (צושראקען): נולליוס, מיין פריינד, איהר שרעקט מיך — מיט וואס האב איך פערדיענט אייער כעס און דיזע הארטהערציגע, שרעקליכע ווערטער? איהר זייט אלע מאל געווען אזוי גוט צו מיר און מיינע קינדער... אייערע האאר זיינען אויך אזוי גרוי ווי מיינע; אין אייער פנים האב איך שוין לאנג בעמערקט בעהאלטענע יסורים און... איך אכטע אייך, נולליוס! וואס זשע שווייגט איהר? עפעס א שרעקליכער פייער ברענט אין אייערע אויגען — ווער זייט איהר, נולליוס? אבער איהר שווייגט — — ניין, ניין, לאזט ניט ארונטער די אויגען; מיר ווערט נאך שרעקליכער, ווען זיי זיינען ארונטערגעלאזען: דאן טרעט ארוים אויף אייער געשטאלט א פייעריגער אויפשריפט פון עפעס א דונקעלער, א שרעקליכער, טויטליכער ווארהייט.

אשמדאי (צערטליך): דוד.

דוד (ערפרעהט): האסט דו דאס גערעדט, נולליוס?

אשמדאי: שווייג און הער מיך אוים. פון משוגעת וועל איך דיך צוריקקעהרען צום שכל, פון טויט — צום לעבען.

דוד: איך שווייג און הער.

אשמדאי: דיין משוגעת בעשטעהט דעריין, דוד לייזער, וואס דו האסט דעם גאנצען לעבען געזוכט גאט, און ווען גאט איז צו דיר געקומען — האסט דו געזאגט: איך קען דיך ניט. דיין טויט בעשטעהט אין דעם, דוד לייזער, וואס א פערבלענדעטער פון אונ־

גליק אזוי ווי אַ פערד, וועלכער דרעהט אין דער פינסטער די ראָד אַלץ אין דעם זעלבען קרייז, האָט דו ניט געזעהן קיין מענשען און איינזאַם ביזט דו געבליבען צווישען זיי מיט דיינע עשירות און מיט דיין חולאת. דאָרט דרויסען וואַרט אויף דיר לעבען — און דו, בלינדער, פערמאַכסט פאַר איהם די טהיר. טאַנץ, דוד, טאַנץ, — דער טויט האָט אויפגעהויבען דעם סמיק און וואַרט אויף דיר אַ ביסעל גראַציעזער, דוד לייזער, אַ ביסעל גראַציעזער, בריה'שדיגער, קיילעכיגער דעם פאַ.

דוד: וואָס ווילסט דו פון מיר?

אשמדאי: קעהר צוריק צו גאָט, וואָס גאָט האָט דיר געגעבען.

דוד (כמורנע): האָט מיר דען גאָט וואָס געגעבען?

אשמדאי: יעדער רובעל אין דיין קעשענע — איז אַ מעסער, וועלכען דו שטעכסט אריין אין ברוסט פון דעם הונגעריגען. צוטהייל דיינע גיטער פאַר אָרעמע־לייט, גיב די הונגעריגע ברויט און דו וועסט בעזיעגען דעם טויט.

דוד: קיינער האָט דוד'ן ניט געגעבען קיין שטיקעל ברויט, ווען ער האָט געהונגערט — וועל איך דען מיט זייער זאַטקייט אָנזעטיגען מיין הונגער, וואָס איז אין די ביינער.

אשמדאי: אין זיי וועסט דו זאַט זיין.

דוד: וועל איך דען צוריק בעקומען מיינע כחות, מיין געזונד?

אשמדאי: אין זיי וועסט דו שטאַרק זיין.

דוד: וועל איך דען פעריאָגען דעם טויט, וועלכער איז שוין אין'ם בלוט, וואָס איז שיטער ווי וואַסער, וואָס איז שוין אין מיינע אָדערן, וועלכע זיינען האַרט, ווי געטריקענטע שטריק. וועל איך דען צוריקקעהרען דאָס לעבען.

אשמדאי: מיט זייער לעבען וועסט דו פערדאָפּלען דיין לעבען. איצט איז ביי דיר מעהר ניט ווי אַיין הארץ, דוד — ביי דיר וועלען ווערען מיליאָנען הערצער.

דוד: אָבער איך וועל דאָך שטאַרבען!

אשמדאי: ניין, דו וועסט זיין אונשטערבליך!

(דוד טרעט צוריק מיט שרעק.)

דוד: א שרעקליכען ווארט האבען דיינע ליפען ארויסגע־רעדט. ווער ביזט דו, וואס דו וואגסט צו פערשפרעכען אונשטערב־ליכקייט — איז דען ניט לעבען און טויט אין גאט'ס הענד?

אשמדאי: גאט האט געזאגט: מיט לעבען זאלסט דו דאס לעבען מקים זיין.

דוד: אבער מענשען זיינען שלעכט און זינדיג, און דער הונגעריגער איז נעהנטער צו גאט אלס דער זאטער.

אשמדאי: דערמאן זיך אויף דיין חנה'ן, אויף בנימין'ן....

דוד: שוויג!

אשמדאי: דערמאן זיך אויף רפאל'ן און אויף דיין קליי־נינקען משה....

דוד (ביינקענד): שוויג, שוויג!

אשמדאי: דערמאן זיך אויף דיינע קליינע עופה'לעך, וואס זיינען געשטארבען אויף די קאלטע צווייגען פון ווינטער...

(דוד וויינט ביטערליך.)

אשמדאי: ווען עס קלינגט די לערכע אין בלויען הימעל, וועסט דו דען איהר זאגען: שוויג, קליין פויגעלע — גאט דארף ניט דיין געזאנג? און וועסט דו איהר ניט געבען א קערנדעל, ווען זי איז הונגעריג? וועסט דו זי ניט צוטוליען צום ברוסט, אז עס זאל איהר ווארעם זיין און איהר שטימע זאל זיך קענען ערהאלטען ביז פריהלינג? ווער זשע ביזט דו, אונגליקליכער, וואס האט קיין רחמנות ניט אויף קיין פויגעלע און גיט איבער קינדער דעם אונגע־וויטער? דערמאן זיך, ווי עס איז געשטארבען דיין קלייניקער משה. דערמאן זיך, דוד, און זאג: מענשען זיינען זינדיג און בייז און פערדיענען ניט מיין רחמנות.

(דוד בייגט זיינע קניע, ווי אונטער א שווערער משא און הויבט אויף די הענד, אזוי ווי ער וואלט בעשיצען זיין קאפ פון א קלאפ פון הימעל, און מיט א הייזעריגען קול:)

דוד: אדוני! אדוני!

(אשמדאי פערלייגט די הענד אויף דער ברוסט און קוקט אויף איהם.)

דוד: האָב רחמנות! האָב רחמנות!

אשמדאי (שנעל): דוד, אָרעמע־לייט וואַרטען אויף דיר. זיי ווע̇לען באַלד אוועק.

דוד: ניין! ניין!

אשמדאי: אָרעמע־לייט וואַרטען תמיד, נור זיי ווערען מיעד וואַרטענדיג און געהען אוועק.

דוד (משונה): פון מיר ווע̇לען זיי ניט אוועק. אַך, נו̇ליוס, נו̇ליוס... אַך, קלוגער נו̇ליוס; אַך, נאַרישער נו̇ליוס; האָסט דו דען ניט פערשטאַנען, אַז איך וואַרט שוין לאַנג אויף די אָרעמע־לייט און אַז זייער קו̇ל איז אין מיינע אויערן און אין מיין הארצען. ווען רעדער פאָהרען אויף דעם שטויביגען וועג, וואָס איז צוגע־דריקט פון רעגען, טראַכטען זיי ווען זיי דרעהען זיך און לאָזען איבער אַ סליאַד: אָט מאַכען מיר אַ וועג. אָבער דער וועג איז געוועזען, נו̇ליוס, דער וועג איז שוין געוועזען. (פרעהליך) רוף די קבצנים אהער.

אשמדאי: בעטראַכט, דוד, וועמען דו רופסט. (טרויעריג) נור מיך ניט, דוד.

דוד: איך האָב קיין מאָל ניט געגאַרט, נו̇ליוס. (ענטשלאָ־סען און מיט גרויסקייט) דו האָסט גערעדט — האָב איך געשוויגען און געהערט; איצט שוויג דו און הער מיך: וואָרום ניט דעם מענ־שען, נור גאָט האָב איך אוועקגעגעבען מיין נשמה און זיין הער־שאַפט איז איבער מיר. איך היים דיר: רוף אהער מיין פרוי שרה און מיינע קינדער, נחום און רויזע און די גאַנצע הויזגעזינד מיינע, ווער עס איז נור פאַראַן.

אשמדאי (געהאָרכזאַם): איך וועל רופען.

דוד: און רוף צונויף די אָרעמע־לייט, וועלכע וואַרטען אויף מיר אין דרויסען. און, אַרויסגעהענדיג אויף דער גאַס, גיב אַ קוק צו עס זיינען דאָרט ניטאָ קיין אָרעמע לייט, וואָס וואַרטען אויף מיר, און אויב דו וועסט זיי דערזעהן, דאַן רוף אויך זיי. וואָרום פון זייער דורשט ברענען מיינע ליפּען, פון זייער הונגער ליידעט ניט

זאט ווערענדיג מיין מאָגען. און פאַר די אויגען פונ'ם גאַנצע פאָלק אייל איך זיך צו לאָזען וויסען אַלעמען וועגען מיין לעצטען אונגע־ענדערטען ווילען. נעה!

אשמדאי (אונטערטהעניגליך): דיין ווילען איז איבער מיר.

(אשמדאי געהט אָב ביז'ן טהיר אונטער דעם בעפעהלענ־דען אָנווייז פון דוד'ס אויסגעשטרעקטע האַנד. שטיל.)

דוד: דער גייסט פון גאָט האָט זיך אריבערגעטראָגען איבער מיר, און די האָאר האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף מיין קאָפּ. אדוני, אדוני. ווער, פורכטזאַמער, האָט גערעדט אין דער שטימע פון אַלטען נולליוס, ווען ער האָט אָנגעהויבען ריידען וועגען מיינע קליינינקע, פערשטאָרבענע קינדערלעך? בלויז א פייל, וואָס איז ארויסגעשאָ־סען געוואָרען פון דעם אַלוויסענדענ'ס בויגען קען אַזוי טרעפען אין סאַמע הארצען. מיינע קליינינקע עופה'לעך... דו האָסט מיך באמת אָבגעהאַלטען, ווען איך בין שוין געווען אויף'ן ברעג פון אָבגרונד און האָסט מיין גייסט ארויסגעריסען פון דעם טייפעל'ס נעגעל. בלינד ווערט דער, וואָס קוקט גלייך אויף דער זון, נור אָט געהט אריבער א ווייל און עס קעהרט זיך צוריק דאָס ליכט צו די אויפ־געלעבטע אויגען; אָבער ווער עס קוקט אין דער פינסטערניס, יענער ווערט בלינד אויף אייביג. מיינע קליינע עופה'לעך (לאַכט פלוצלונג פרעהליך און מורמעלט) איך וועל אַליין זיי טראָגען ברויט מיט מילך, איך וועל זיך בעהאַלטען הינטער'ן וואַנד זיי זאָלען מיך ניט זעהן — קינדער זיינען אזוי צארט און שרעקעדיג, אז זיי האָבען מורא פאַר אונבעקאַנטע מענשען, און ביי מיר איז אַזאַ שרעקליכע באָרד (ער לאַכט). איך וועל זיך בעהאַלטען און וועל קוקען, ווי זיי עסען. זיי דאַרפען דאָך אזוי ווייניג: וועלען אויפעסען א שטיקע־לע ברויט און זיינען שוין זאט, וועלען אויסטרינקען א קריגעלע מילך, און זיי זיינען שוין מעהר ניט דורשטיג. דערנאָך זינגען זיי... אָבער ווי זאָנדערבאַר: פערשווינדט דען ניט די נאַכט, ווען די זון קומט, און ווען דער שטורם ענדיגט זיך, לייגען זיך דען די כוואַליעס ניט אַוועק רוהיג און שטיל, ווי שעפּסען, וואָס רוהען אויף דער פאַשע — פאַר וואָס זשע איז די אונרוהיגקייט, צומישטקייט און

ליבטער שרעק? שאָטענס פון אונבעוואוסטע צרות טראָגען זיך איבער מיין זעעלע און שוועבען אָהן רויש איבער מיינע געדאַנקען. אך, וואָלט איך בעסער אַן אָרעמאַן געבליבען, וואָלט איך בעסער אונבעוואוסט זיין, פערפראָרען וואָלט איך ליעבערשט ווערען אין דעם שאָטען פון אַ פּלאַנקען, וואו מען שיט אוים מיסט. האָסט מיך אויפגעהויבען אויף באַרגיגע הויכקייט און וועסט דער וועלט ווייזען מיין אַלטען טרויעריגען פנים. אָבער אַזוי איז דיין רצון. ווען דו הייסט, וועט אויך אַ שעפּעלע ווערען אַ לייב; דו בעפעהלסט און אפילו די פירכטערליכע לייבענטע ציהט אוים צו איהרע קינדער איהרע בריסט, וואָס זיינען פול מיט קראַפט. ווען דו זאָלסט הייסען — און דוד לייזער, וועלכער איז וויים געוואָרען אין שאָטען, וועט זיך אָהן פחד ערהויבען צו דער זון. אדנאָי! אדנאָי.

(עס קומען אריין אונרוהיג שרה, נחום און רויזע.)

שרה: צו וואָס האָסט דו אונז גערופען, דוד? און פאַר וואָס איז דיין נולליום געווען אַזוי שטרענג, ווען ער האָט אונז איבערגעגעבען דיין בעפעהל? מיר האָבען זיך מיט קיין זאַך ניט פערזינדיגט פאַר דיר, און אויב מיר זיינען אין עפּעס שולדיג, טאָ פרעג אוים פריהער, נור ניט קוק אַזוי שטרענג.

רויזע: מעג מען זיך זעצען?

דוד: שווייגט און וואַרט. ניט אַלע זיינען נאָך געקומען, וועמען איך האָב גערופען. דו אָבער, רויזע, זעץ זיך, אויב דו ביזט מיעד. ווען עס וועט אָבער קומען די צייט, זאָלסט דו אויפשטעהן. דו, נחום, זעץ זיך אויך צו.

(די דיענערשאַפט קומט אריין אונענטשלאָסען: דער לאַקיי, עהנליך אויף אַן ענגלישען מיניסטער, די קעכין, די קאַמער־מעדכען, דער גערטנער, די געשיר־וואַשערין און אַנדערע טרעטען אריין אין פערלעגענהייט. און באַלד טאַקע נאָך זיי קומען אריין קופּקעס־ווייז אָרעמע־לייט, אַ מענשען פּופּ־צעהן, צוואַנציג. צווישען זיי איז דער אַלטער אברהם חעססין, שיינדעל׳ס מיידעלע, יוסף קריצקי, שרה לאה׳קע און נאָך איינינע אידען און אידענעס. אָבער עס זיינען צווישען די

נעקומענע אויך פאראן גרעקען, מאלדאוואנער און רוסישע, און איינפאכע ארעמע־לייט, פערצאגטע פון לעבען, אז זייער נאציאנאליטעט פערלירט זיך אין די אבגעטראגענע, כאראק־טערלאזע שמאטעס און בלאטע; צוויי שכורים. דא איז שוין אויך דער גרעק פוריקעס, איוואן בעזקראיני און דער קאטע־רינשטשיק מיט דערזעלבער אלטער, אבגעריבענער, סקריפענ־דיגער מאשינע, — דער אשמדאי איז נאך ניטא.)

דוד: איך בעט אייך, איך בעט אייך, קומט אריין מיט מעהר ברייטקייט, שטעלט זיך ניט אב אויפ'ן שוועל, נאך אייך קומען נאך אנדערע. אבער עס וואלט געווען גוט, ווען איהר וואלט אבווישען די פיס: דיזעס רייכע הויז איז ניט מיינס, און איך דארף איהם אומקעהרען אזוי ריין, ווי איך האב איהם בעקומען.

חעסין: מיר האבען זיך נאך ניט אויסגעלערענט, ווי צו געהן אויף טעפיכע און קיין לאקירטע שיכלעך, ווי ביי אייער זון נחום, איז ביי אונז ניטא. א גוטער מארגען אייך, דוד לייזער. שלום על ביתך.

דוד: שלום דיר אויך, אברהם. פאר וואס זשע אבער רופסט דו מיך אזוי בכבוד, דוד לייזער, ווען דו פלעגסט מיך פריהער רופען פשוט דוד.

חעסין: איהר זייט איצט אזא מעכטיגער מענש... דוד לייזער. יא, פריהער פלעג איך אייך טאקע רופען דוד. נור אט איצט דארף איך ווארטען דרויסען, און וואס לייגגער איך ווארט, אלץ לייגגער ווערט אייער נאמען, הערר דוד לייזער.

דוד: דו ביזט גערעכט, אברהם: ווען עס פערגעהט די זון, ווערען לייגגער די שאטענס, און ווען א מענש ווערט קלענער, וואקסט אוים זיין נאמען. אבער ווארט נאך, אברהם.

לאקיי (צום שכור): רוקט זיך אב פון מיר.

שכור: שוויג, דומקאפ! דו ביזט דא א לאקיי, און מיר זיינען דא געסט.

לאקיי: גראבער יונג! דו ביזט דא ניט אין אמניבוס, וואס דו שפייסט אויף די דילען.

שכור: הערר לייזער, עפּעס אַ מאַן, וואָס קוקט אויס ווי אַן אַלטער טייפעל, האָט מיך אַ כאַפּ געטהאָן פאַר די לאַצען און זאָגט: דיך רופט דוד לייזער, וואָס האָט בעקומען די ירושה. פרעג איך איהם — צו וואָס עפּעס? ענטפערט ער מיר: דוד וויל דיך מאַכען פאַר זיין יורש — און ער האָט זיך צולאַכט. איצט, ווען איך בין געקומען אַהער, טרייבט מיך גאָר אייער לאַקיי.

דוד (שמייכעלט): נולליוס איז אַ פרעהליכער מענש און לאָזט קיין מאָל ניט דורך אַ געלעגענהייט שפּאַס צו מאַכען. אָבער איהר זייט מיין גאַסט, און איך בעט אייך, ווארט אויף.

שרה (נאָך לאַנגען קוויינקלען, קען זיך מעהר ניט צוריקהאַל־טען): נו, ווי געהט ביי אייך דאָס געשעפט איוואַן? זיינען ביי אייך איצט וויינינגער קאָנקורענטען?

בעזקראַיני: שלעכט, שרה: ניטאָ קיין קונים.

פוריקעס (ווי אַן עכאָ): ניטאָ קיין קונים.

שרה (מיטליידיג): אַי־אַי־אַי! דאָס איז שלעכט, וואָס קיין קונים זיינען ניטאָ.

רויזע: הער אויף, מאַמע — צו ווילסט דו ניט ווידער אויס־שמירען מיר דעם פּנים מיט סאַזשע?

(שטויסענדיג פאַראויס עטליכע קבצנים קומט אריין אשמדאי — ער איז אפּנים מיעד און אָהן אָטהעם.)

אשמדאי: נו אָט, דוד, זייט מקבל דערוויל דאָס. אייערע מיליאָנען שרעקען די אָרעמע־לייט, און קיינער האָט ניט געוואָלט נעהן נאָך מיר, דענקענדיג, אז דאָ שטעקט עפּעס אַ שפּיצעל.

שכור: אָט דער מאַן האָט דאָס מיך געכאַפּט פאַר די לאַצען.

אשמדאי: אַך, דאָס זייט איהר? שלום עליכם, שלום עליכם!

דוד: איך דאַנק דיר, נולליוס, איצט נעהם טינט און פּאַפּיער און זעץ דיך נעבען מיר ביים טיש; מיר דערלאַנג אָבער מיינע אַלטע חשבונות... אזוי ווי אַלעס, וואָס איך וועל ריידען, איז זעהר וויכטיג, בעט איך דיך דערפאַר, פערשרייב דאָס ריכטיג און מאַך קיין טעות ניט — פון יעדען וואָרט וועלען מיר אָבגעבען דין וחשבון צו גאָט. אייך אַלעמען אָבער בעט איך אויפשטעהן און הערען אויפ־

מערקזאם, אריינדרינגנען אין דעם רעיון פון די גרויסע ווערטער, וועלכע איך וועל ריידען. (שטרענג) שטעה אויף רויזע!

שרה: רבש"ע, האָב אויף אונז רחמנות. וואָס ווילסט דו טהאָן, דוד?

דוד: שווייג, שרה. דו וועסט געהן מיט מיר.

אשמדאי: פּאַרטיג.

(אַלע שטעלען זיך אויף און הערען.)

דוד (טריאומפירענד): נאָך דעם טויט פון מיין ברודער, משה לייזער, האָב איך ערהאַלטען א ירושה (לייגט אָב אויף'ן סטשאָט) צוויי מיליאָן דאָלאַר.

אשמדאי (שטיפעריש ווייזט פיער פינגער): וואָס עס הייסט פיער מיליאָן רובעל.

(אַלע צוטומעלט.)

דוד (שטרענג): שלאָגט מיך ניט איבער, נולליוס. יא, דאָס הייסט פיער מיליאָן רובעל. און אָט, פאָלגענדיג די שטימע פון מיין געוויסען, און ווי גאָט הייסט מיר, און אויך צוליעב דעם אנדענקען פון מיינע קינדער: חנה, בנימין, רפאל און משה, וואָס זיינען גע־שטאָרבען פון הונגער און קראַנקהייט אין זייערע יונגע יאָהרען.....

(לאָזט אראָב אַלץ נידעריגער דעם קאָפּ און וויינט ביטער. מיט די זעלבע טרעהרען וויינט אויך שרה.)

שרה: א, מיין קלייניניקער משה'ניו, דוד, דוד, געשטאָרבען אונזער משה'ניו.

דוד (ווישט די אויגען מיט א גרויסע רויטע טוך): שווייג, שרה. נו, איז וואָס זשע האָב איך זיי געוואָלט זאָגען, נולליוס? נור שרייבט, נולליוס, שרייבט. איך וויים. (פעסט) און אָט האָב איך בעשלאָסען, אין איינשטימונג מיט די געבאָטען פון גאָט, וועלכער איז אמת וחסד — צוצוטהיילען מיין גאַנצען פערמעגען פאַר די אָרימע לייט. זאָג איך ריכטיג אַזוי, נולליוס?

אשמדאי: איך הער גאָט ריידענדיג.

(אין דער ערשטער מינוט גלויבט קיינער ניט, נור באַלד הויבען זיך אָן ערוועקען צווייפלונגען מיט פרייד און אָן אונ־

ערוואַרטעטער דונקעלער פּחד שוועבט איבער די קעפּ. און אַזוי ווי אין שלאָף ווידערהאַלען זיי פער'כשוף'טע: פּיער מיליאָן, פּיער מיליאָן, און פערדעקען די אויגען מיט די הענד.

דער קאַטערינשטשיק טרעט אַרויס צוערשט.)

קאַטערינשטשיק: וועסט דו מיר קויפען אַ נייע קאַטע־רינקע, דוד?

אשמדאי: טרעט אָב, מוזיקאַנט!

קאַטערינשטשיק (אָבטרעטענדיג): און איך וויל אויך אַ נייע אָבעזיאַנע.

דוד. זאָלען זיך דאָך אייערע הערצער פרעהען, איהר אונגליק־ליכע, און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען ענטפערט אויף די גנאָד פון'ם אויבערשטען. און געהט פון דאַנען אין שטאָדט, אַזוי ווי די שלוחים פון גליק. געהט אין אַלע גאַסען און פּאַראַד־פּלעצער און שרייט אויס הויך אומעטום: דוד לייזער דער אַלטער איד, וועלכער דאָרף באַלד שטאַרבען, האָט בעקומען אַ ירושה, וועלכע ער צוטהיילט פאַר אָרעמע לייט. און ווען איהר וועט דערזעהן אַ מענשען, וואָס וויינט, אַ קינד, וועמעס פּנים איז בלוטלאָז און מוטנע די אויגען, אַ פרוי, ביי וועלכער עס הענגען די ליידיגע, מאָגערע בריסט, ווי ביי אַן אַלטער ציעג — זאָגט זיי אויך אָן: געהט, אייך רופט דוד־לייזער. רעד איך אַזוי, נולליוס?

אשמדאי: אַזוי, אַזוי! האָסטו אָבער אַלעמען שוין גערופען?

דוד: און ווען איהר וועט זעהען אַ שכור'ן, וואָס איז איינ־געשלאָפען אויף זיין מייקעכץ, וועקט איהם אויף און זאָגט איהם: געה, דיך רופט דוד לייזער. און ווען איהר וועט דערזעהן אַ גנב, וועמען עס שלאָגט אויפ'ן מאַרק די בע'גנב'עטע, רופט אויך איהם מיט גוטע ווערטער און מיט אַ קרעפטיגען בעפעהל: געה, דיך רופט דוד. און ווען איהר וועט זעהען מענשען, וועלכע זיינען פון דחקות בייז און צורייצט געוואָרען און הרג'ענען זיך איינער דעם צווייטען מיט שטעקענס און מיט שטיקער ציגעל, זאָלט איהר אויך זיי צורופען מיט ווערטער פון פריעדען: געהט, אייך רופט דוד. און ווען איהר

וועט דערזעהען א מענשען א שעהמעוודיגען, וועלכער געהט אין א גרויסער גאס אראבלאזענדיג זיינע בליקען פאר בליקען און אין פלייצע קוקט ער זשעדנע, זאלט איהר אויך איהם זאגען אזוי שטיל, אז איהר זאלט ניט פערלעצען זיין שטאלץ: צו זוכסט דו ניט דוד'ן? געה, ער ווארט שוין לאנג אויף דיר. און אויב אין דער אוועגדליכער שטונדע, ווען מיט דער זריעה פון נאכט פערזועעט דער טייפעל די ערד, וועט איהר דערזעהן א פרוי, וואס איז שרעקליך בעפארבט, אזוי ווי די געצענדיענער בעפארבען די קערפערס פון די פערשטארבענע, און זי קוקט דרייסט דערפאר, ווייל איהר פעהלט צניעות, און זי הייבט איהרע פלייצעס, מורא האבענדיג פאר א קלאפ, זאלט איהר אויך איהר זאגען: געה דיך רופט דוד. רעד איך אזוי, נולליום?

אשמדאי: אזוי, דוד. אבער האסט דו דען שוין אלעמען גערופען?

דוד: און וואס פאר א געשטאלט פון אבקלונג און שוידער די ארעמקייט זאל ניט האבען אנגענומען; און אין וועלכע קאלירען דאס עלענד האט זיך ניט צובליהט; און מיט וועלכע ווערטער די ליידען זאלען זיך ניט האבען פערצאמט, מיט א הויכען צורוף הייבט אויף די אויסגעמאטערטע; מיט ווערטער פון לעבען קעהרט צוריק דאס לעבען צו די שטארבענדע! און גלויבט ניט דעם שווייגען און דער פינסטערניס, ווען זיי וועלען אייך ווי א וואנד פערצאמען דעם וועג — שרייט העכער אין דער שטומקייט און אינ'ם חשך, ווארום דארט וואהנט די ניט-אויסגעשפראכענע אימה.

אשמדאי: אזוי, דוד, אזוי. איך זעה ווי הויך עס ערהייבט זיך דיין גייסט און מעכטיג קלאפסט דו אן אין די אייזערנע טויערן פון דער אייבינקייט. עפענט זיך! איך ליעב דיך, דוד, איך קוס דיין האנד, דוד. איך בין פארטיג צו קריכען אויפ'ן בויך ווי א הונד און ערפילען דיין בעפעהל! רוף, דוד, רוף. ערהויב זיך, ערד. צפון און דרום, מזרח און מערב, איך בעפעהל אייך דורך דעם ווילען פון דוד מיין הערר, רופט זיך אב אויף דעם רוף פון דעם רופענדען און מיט פיער ימים פון טהרערען זאלט איהר שטעהען בלייבען ביי זיינע פיס. רוף, דוד, רוף.

דוד (אויפהייבענדיג די הענד): צפון און דרום...
אשמדאי: מזרח און מערב...
דוד: אלעמען רופט דוד.
אשמדאי: אלעמען רופט דוד

(טומעל, געוויין, געלעכטער, ווארום איצט גלויבען שוין אלע. אשמדאי קוסט דוד'ן די האנד און צאפעלט זיך מיט פולער בעגייסטערונג. שלעפט דעם קאטערינשטשיק פאר די לאצען צום מיטען.)

אשמדאי: זעה, דוד, דער מוזיקאנט! (קייכט לאכענדיג און טרייסעלט איהם.) ווילסט דו ניט די אלטע מוזיק, הא? דארפסט דו א נייע אבעזיאנע, הא? אפשר דארפסט דו אויך האבען א סגולה צו פלייה, בעט! מיר ווע לען דיר אלץ געבען.

דוד: שא, נולליום, שא. מען דארף שוין ארבייטען. קענט איהר רעכענען אויף'ן סטשאט, נולליום?

אשמדאי: איך, א רבי דוד! איך בין אליין צאהל און רעכענונג, איך גופא בין מאס און וואג.

דוד: דאן זעצט זיך דאך, שרייבט און רעכענט. נור אט וואס, מיינע ליעבע קינדער: איך בין אן אלטער איד, וועלכער קען צוטהיילען א קעפעל קנאבעל אויף צעהן חלקים; איך ווייס ניט נור דעם מענשענס נויט, איך האב געזעהן אפילו, ווי עס הונגערט א טאראקאן — יא — אבער איך האב אויך געזעהען ווי עס שטארבען פון הונגער קלייניגקע קינדער... (לאזט אראב דעם קאפ און זיפצט.) טא נארט מיך ניט, און געדענקט, אז אויף אלעם איז פאראן א חשבון און א מאס. און דארט וואו מען דארף האבען צעהן קאפיקעס, בעט ניט קיין צוואנציג, און דארט וואו עס איז גענוג איין מעסטעל ווייץ, פארדערט ניט קיין צוויי, ווארום דאס וואס איז איבריג פאר איינעם איז תמיד נויטיג פאר'ן צווייטען. אזוי ווי ברידער, ביי וועלכע עס איז בלויז איין מוטער מיט פולע בריסט, וואס ווערען אבער שנעל לעדיג, אזוי זאלט איהר ניט פערלעצען איינער דעם אנדערען און ניט לייד טהון דער גיבינער,

נור אויך שפּאַרזאַמע מוטער... מען קען שוין אָנהויבען, נולליוס. איז ביי אייך אַלעס פערטיג?

אשמדאי: מען קען. איך ווארט, דוד.

דוד: דאַן שטעלט זיך אין דער רייהע, זייט מוחל. קיין געלדער האָב איך נאָך דערווייל ניט, זיי זיינען נאָך אין אמעריקא, אבער איך וועל פערשרייבען פּינקטליך, וויפיעל ווער עס דאַרף לויט זיין נוסח.

שרה: דוד, דוד, וואָס טהוסט דו מיט אונז. גיב אַ קוק אויף רויזען, גיב אַ קוק אויף דעם אונגליקליכען נחום'ען.

(נחום וויל וואָס זאָגען, קען אָבער ניט; כאַפּט אונ־מעכטיג די לופט מיט זיינע צושפּרייטע פינגער. און אביסעל ווייטער פון איהם, איינזאַם אין איהר יונגקייט, קראַפט און שעהנהייט, אין מיטען פון דיזער אָרעמקייט, אויסגעמאַטערטע פּנים'ער, פּלאַציגע אַזוי ווי צודריקטע בריסט, רחמנות'דיגע שלעפּער — שטעהט רויזע און קוקט ארויסרופענד אויפ'ן פאַטער.)

רויזע: זיינען מיר דען ווענינער קינדער, אַלס דיזע, צונויפ־געקליבענע פון גאַס — און זיינען מיר דען ניט ברודער און שוועסטער פון די, וואָס זיינען געשטאָרבען?

דוד: מוטער, רויזע איז גערעכט, און יעדער וועט בעקומען, דאָס וואָס איהם קומט.

רויזע: יאַ־אַ? און דו ווייסט, טאַטע, וויפיעל יעדען קומט?

(לאַכט ביטערליך און וויל אוועקגעהן, פאָדערנדיג אַ וועג מיט אַ פּעראַכטענדער בעוועגונג פון איהר האַנד.)

דוד (ווייך און טרויעריג): בלייב דאָ, רויזע!

רויזע: איך האָב דאָ ניט וואָס צו טהון, איך האָב געהערט, אַז דו האָסט אַלעמען גערופען... אָ, דו האָסט גערופען זעהר הויך!... האָסט דו דען אָבער גערופען די שעהנע? — איך האָב דאָ ניט וואָס צו טהון. (געהט אב.)

שרה (שטעהט אויף אונענטשלאָסען): רויזעלע!...

דוד (אַלץ מיט דערזעלבער ווייכקייט און מיט אַ שטילען שמייכל...

בעל): בלייב, מוטער — וואוהין וועסט דו געהען. דו ביזט מיט מיר.

(נחום מאכט עטליכע טריט נאָך רויזע'ן, קעהרט זיך דער־נאָך אום צוריק און זעצט זיך אַבגעלאָזענערהייט נעבען דער מוטער.)

דוד: פארטיג, נולליוס קומט־זשע צו אהער, עהרווירדיגער מאן, דער ערשטער נאָך דער רייהע.

חעסין (געהט צו): נו, אָט בין איך אויך, דוד.

דוד: ווי רופט מען אייך?

חעסין: מען רופט מיך אברהם חעסין... אבער וואָס, האָט איהר דען פערגעסען מיין נאָמען? מיר האָבען דאָך נאָך אַלס קינדער געשפיעלט זיך צוזאַמען.

דוד: ששש!... אזוי דארף מען פון אָרדנונג וועגען, אברהם. פערשרייבט קלאָר דיזען נאָמען, נולליוס, דאָס איז דער ערשטער, וועלכער האָט געוואָרט אויף מיר, און אויף וועלכען עס האָט זיך געוויזען דער רצון פון מיין גאָט.

אשמדאי (שרייבט מיט חשק): נומער איינס... איך וועל שוין דערנאָך אויסליניערען דאָס פאפיער, דוד. נומער איינס: אברהם חעסין...

נחום (שטיל): איך וועל שוין מעהר ניט טאנצען.

פאָרהאנג.

פיערטעס בילד.

דערזועלבער שטויביגער וועג מיט די איינגעבויגענע זיילען און די אלטע חרוב'ע וואך־שטיבעל; דיזעלבע קליימלעך, און אויך אזוי ווי דאן ברענט אהן רחמנות די זון.

נור אויפ'ן וועג, ווי אויך נעבען די קלייטען, איז שוין ניט אזוי מענשענלאז ווי פריהער... אין א גרויסע צאהל האבען זיך צונויפגעקליבען ארעמע־לייט, מקבל פנים צו זיין דוד לייזער'ן, וועלכער האט צוטהיילט זיין פערמעגען פאר ארעמע, און זיי מאכען פול די אנגעברענטע לופט מיט זייערע קולות, בעוועגונגען און פרעהליכען טומעל. פוריקעס, בעזקראיני און שיינדעל שטאלצירען גליקליכע מיט די מאסע סחורה, וואס איז אין זייערע מאגאזינען, האנדלען לעבעדיג, מונטער מיט סאדא־וואסער און אייז־צוקערקעס. און נעבען איהר קלייטעל זיצט, ווי פריהער, שרה לייזער, אנגעטהאן ריין, אבער ארעם: נאך דעם ווי איהר זוהן נחום איז געשטארבען פון שווינדזוכט, און די שעהנהייט רויזע איז ענטרונען מען ווייסט ניט וואוהין, פערכאפענדיג מיט זיך א גרויסע סומע געלד, האט שרה בעקומען א האס צו עשירות, און האט זיך גערן גענומען צו איהר אלטער פרנסה, ווי עס איז געווען דוד'ס פערלאנג. כמעט דאס גאנצע געלד איז שוין פערטהיילט געווארען; עס זיינען נור געבליבען עטליכע צעהנדליגע רובעל פאר דוד לייזער מיט זיין פרוי צו קענען פאהרען קיין ארץ ישראל און עהרליך דערלעבען די ביסעל יאהרען ביים כותל מערבי אין היילינען לאנד.

עס ווערט פארגעברייט א פאראדנער קבלת פנים פאר דוד־לייזער'ן, וועלכער איז מיט זיין פריינד אשמדאי אוועק צום ברעג ים. אלע קלייטען און אפילו די אלטע זיילען אין די חורבה'דיגע וואך־שטיבעל זיינען בעפוצט מיט בונטע, פארבי־

נע, פון פערשיעדענע קאָלירען, טיכער און אויך מיט צווייגען פון בוימער זיינען זיי בעהאנגען. פונ'ם רעכטען זייט וועג אויף דער צו'שרפה'טע און צוטראָטענע גראָז מאכט זיך פער־טיג צו דער בעגעגעניש אַן אָרקעסטער — עטליכע אידישע קלעזמער מיט פערשיעדענע מינים אינסטרומענטען, וועלכע זיינען צונויפגעבראכט געוואָרען צופעליג: דאָ איז פאַראַן אַ גוטע פיעדעל און אַ צימבעל און אַ צובויגטער, צודריקטער, אַלטער מעשענער טרומייט, און אפילו אַ באַראַבאַן, הגם ער איז אַביסעל דורכגעלעכערט. די קלעזמער פון אָרקעסטער האָבען זיך שלעכט איינגעשפיעלט און קריגען זיך איצט און זידלען זיך, יעדער שרייענד, אַז דעם אנדערנס אינסטרומענט טויג נית.

צווישען די פערזאמעלטע זיינען אַ מאסע קינדער; מאנכע גאָר עופה'לעך, אפילו זויג־קינדער פעהלען נית, וועלכע מען טראָגט אויף די הענד. אין דער מאסע זעהען זיך די בעקאנטע פנים'ער פון אברהם חעסין, און אנדערע קבצנים, וואָס זיינען געווען אין דעם ערשטען טאָג פון דער חלוקה; עטוואָס וויטער, אויף אַ בערגעל, האַלטענדיג אָנגעגרייט זיין קאַטערינקע, שטעהט מרה'שחורה'דיג דער קאַטערינשטשיק. ער האָט שוין בעוויזען צו קריגען אויף באָרג אַ נייע קאַטע־רינקע. אבער ער קען נית געפינען קיין נייע אָבעזיאַנע: אַלע אָבעזיאַנעס, וועלכע ער האָט געוואָלט קויפען, זיינען אָדער אונפעהיג, טאַלענטלאָז, אָדער שוואַך אין געזונד, און וועלען מיט דער צייט אין גאַנצען (אויסשטאַרבען) דעגענערירען.

יונגער איד (טרומייטערט אין צובראָכענעם טרומייט): פאַר וואָס־זשע קען עס נור טריימייטען אויף איין זייט? אַזאַ גוטער טרומייט.

דער פידלער (קאָכט זיך): וואָס האָט איהר צו מיר? קען מען דען מיט אַזאַ טרומייט בענעגענען דוד־לייזער'ן? פאַר וואָס זאָלט איהר שוין נית ברענגען אַ קאַץ און שלעפען זי פאַר'ן עק, און

איהר האָט אודאי געמיינט, אַז דוד וועט אייך דערפאַר אָננעהמען אַלס זיינעם אַ זוהן.

יונגער איד (פער'עקשנ'ט): דאָס איז אַ גוטער טרומייט. אויף דעם טרומייט האָט געשפּיעלט מיין טאַטע, ווען ער איז געווען אַ מיליטערישער מוזיקאַנט און אַלע האָבען איהם געדאַנקט.

פידלער: אייער טאַטע האָט אויף איהם געשפּיעלט, אָבער ווער איז אויף איהם געזעסען? פאַר וואָס איז ער אַזוי צוטראָטען? קען מען דען מיט אַזאַ צוטראָטענעם טרומייט מקבל פּנים זיין דוד-לייזער'ן?

יונגער איד (מיט טרערען): דער טרומייט איז נאָך גאָר אַ גוטער.

פידלער (כמעט וויינענדיג, צו אַ טרויעריגען, געראַזירטען אַלטען מאַן): דאָס איז אייער באַראַבאַן? ניין, איהר זאָגט מיר, איהר מיינט טאַקע ערנסט, אַז דאָס איז אַ באַראַבאַן? איז דען מעגליך, אַז אין אַ באַראַבאַן זאָל זיין אַ לאָך, אַז אַ הונד קען דורכ-קריכען?

חעסין: מען דאַרף זיך אַזוי ניט היצען, לייבקע. איהר זייט זעהר אַ טאַלענטפולער מענש, אייער מוזיק וועט זיין זעהר שעהן, און דוד-לייזער וועט זיין זעהר געריהרט.

פידלער: אָבער איך קען דאָך ניט. איהר, אברהם חעסין, זייט אַן עהרווירדיגער מאַן, איהר האָט זעהר לאַנג געלעבט אויף דער וועלט, האָט איהר ווען-עס-איז געזעהן אַזאַ גרויסע לאָך אין אַ באַראַבאַן?

חעסין: ניין, לייבקע, אַזאַ גרויסע לאָך האָב איך ניט געזעהן, אָבער דאָס איז גאָר ניט וויכטיג. דוד-לייזער האָט פערמאָגט מיליען-מיליאָנען; ער האָט געהאַט צוואַנציג מיליאָן רובעל, נור איז אַ מענש אַ בעשיידענער, ניט קיין פערדאָרבענער און אייער לייזבע וועט פאַר איהם זיין אַ שמחה. דאַרף דען אַ נשמה האָבען אַ באַראַבאַן, כדי זי זאָל קענען אויסדריקען איהר ליעבע? איך זעה דאָ מענשען, וועלכע האָבען ניט קיין באַראַבאַן, קיין טרומייט, און וועלכע וויינען פון גליק — זייערע טרעהרען זיינען אָהן געפילדער,

אָהן רויש, אזוי ווי דער טהוי. איהר הייבט זיך אויף אביסעל העכער צום הימעל, און איהר וועט ניט הערען קיין בּאראבּאן; איהר וועט אָבער הערען, ווי עס טריפען טרעהרען.

אַלטער מאַן: מען דארף זיך ניט קרינען און פערפינסטערן די טעג פון ליכטיגע פרייד. דוד'ן וועט דאָס זיין אנגענעהם.

(צום געשפּרעך הערט זיך צו א וואנדרער; דער פּנים איז ביי איהם בייז און שווארץ פערברענט; אלעס אנדערע, די האָאר, די קליידער זיינען גרוי פונ'ם שטויב פון וועג. ער איז פאָרזיכטיג און נאָכדענקענד אין זיינע בעוועגונגען, אבער קוקט איינפאך און גלייך. זיינע אויגען גלאנצען ניט — אזוי ווי צופעטנע פענסטער אין א וואָהנהויז, אין מיטען נאכט.)

וואנדערער: פריעדען און גליק האָט ער געבראכט אויף דער ערד, און אויף דער גאנצער ערד ווייס מען שוין פון איהם. איך קום פון מרחקים, וואו עס זיינען אנדערע מענשען, ניט עהנליכע צו אייך, און ביי זיי זיינען אנדערע זיטען, און בלויז דורך יסורים און צרות זיינען זיי אייערע ברידער, און אפילו דאָרט ווייס מען שוין וועגען דוד־לייזער'ן, וועלכער טהיילט ברויט און גליק, און זיך בענשען זיין נאָמען.

חעסין: איהר הערט, שרה? (ווישט די אויגען.) דאָס רעדט מען וועגען אייער מאַן, וועגען דוד־לייזער'ן.

שרה: איך הער, אברהם; איך הער אלעס. נור נחום'ס קול הער איך ניט; ער איז געשטאָרבען. און רויזע'ס רייד הער איך ניט. אָט איהר, אלטינקער, האָט דאך פיעל געוואנדערט אויף דער וועלט און איהר קענט אפילו אזעלכע מענשען, וואָס זיינען גאָרניט עהנליך צו אונז — צי האָט איהר ניט בעגעגענט אויפ'ן וועג א שעהנע מיידעל, די שעהנסטע פון אלע, וואָס זיינען פאראן אויף דער וועלט?

בעזקראַיני: ביי איהר איז געווען א טאָכטער רויזע, א שעהנע מיידעל, איז זי אנטלאָפען פון דערהיים, ניט וועלענדיג אוועקגעבען איהר טהייל פאר אָרעמע לייט. האָט זי פיעל געלד פערכאפּט, שרה?

שרה: קען דען זיין פאר רויזע'ן פיעל געלד? עס איז אזוי ווי איהר וואָלט זאָגען, אז אין דעם קיסר'ס קרוין זיינען פאראן איבעריגע בריליאַנטען און ביי דער זון איבריגע שטראהלען.

וואַנדערער: ניין, איך האָב אייער טאָכטער ניט געזעהען. איך וואַנדער אויף די גרויסע שליאַכען, און דאָרט זיינען ניטאָ ניט קיין רייכע און ניט קיין שעהנע.

שרה: אפשר האָט איהר אָבער געזעהן מענשען, וועלכע האָבען זיך צונויפגעקליבען און שמועסען היציג וועגען עפּעס אַ שעהנהייט? איז דאָס מיין טאָכטער, אַלטער.

וואַנדערער: ניין, איך האָב אַזעלכע מענשען ניט געזעהן. איך האָב אָבער געזעהען אַנדערע מענשען, וועלכע האָבען זיך צונויפגעקליבען און גערעדט וועגען דוד־לייזער'ן, וועלכער טהיילט ברויט און גליק. איז דאָס אמת, אַז אייער דוד האָט אויסגעהיילט אַ פרוי, וועלכע האָט געליטען פון אַן אונהיילבאַרע קראַנקהייט, און זי איז שוין גאָר געוועזן געשטאָרבען?

חעסין (שמייכעלט): ניין, דאָס איז ניט אמת.

וואַנדערער: איז דאָס אמת, אַז דוד האָט געמאַכט זעהענדיג אַ מענשען, וועלכער איז געוועזן אַ געבאָרענער אַ בלינדער?

חעסין (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): דאָס איז ניט אמת. אימיצער האָט דאָס אָבגענאַרט די מענשען, וואָס זיינען ניט עהנליך צו אונז. גאָט אַליין נור קען שאַפען וואונדער. דוד לייזער איז בלויז אַ גוטער און ווירדיגער מענש, ווי עס דאַרף זיין יעדער, וואָס האָט נאָך אויף גאָט ניט פערגעסען.

פוריקעס: ניין, דאָס איז ניט ריכטיג, אברהם חעסין. דוד איז ניט קיין פּראָסטער מענש, און אין איהם איז ניט קיין מענשליכער כח. דאָס ווייס איך.

(די מאַסע, וואָס האָט זיי אַרומגערינגעלט, הערט זיך צו נייגיעריג צו פוריקעס ווערטער.)

פוריקעס: איך האָב אַליין מיט מיינע אויגען געזעהען, ווי אויף דעם מענשענלאָזען, פערברענטען וועג פון זון, איז געקומען דער, וועלכען איך האָב גערעכענט פאַר אַ קונה — אָבער דאָס איז

ניט געוועזן קיין קונה. איך האָב אַליין מיט מיינע אויגען געזעהן, ווי ער האָט מיט זיין האנד בעריהרט דוד'ן, און דוד האָט אָנגעהויבען רעדען אזוי שרעקליך, אז איך האָב איהם ניט געקענט הערען. געדענקט איהר, איוואן?

בעזקראַיני: דאָס איז אמת. דוד איז ניט קיין איינפאכער מענש. ווען א פראָסטער מענש ווארפען אין מענשען געלד, ווי מען ווארפט מיט שטיינער אין א הונד גיעהט דען א פראָסטער מענש וויינען אויף דעם קבר פון א פרעמדען קינד, וועלכעס ניט ער האָט געבוירען, ניט ער האָט געהאָדעוועט און ניט ער האָט בעגראָבען, ווען דער טויט איז געקומען?

פרוי (מיט א קינד אויף די הענד): דוד איז ניט קיין איינ־פאכער מענש. האָט דען ווער געזעהען אן איינפאַכען מענשען, וואָס זאָל זיין מעהר מוטער פאר א קינד, איידער דעם קינד'ס לייב־ליכע מוטער? וועלכער זאָל שטעהען הינטער'ן שוועל און קוקען, ווי עס עסען פרעמדע קינדער, און וויינען פון שמחה? פאר וועלכען קינדער האָבען קיין מורא ניט, אפילו פיצינקע עופה'לעך, און שפיעלען מיט זיין עהרענהאפטען באָרד אזוי ווי מיט דעם באָרד פונ'ם זיידען. האָט דען דער קלייניטשקער, נארישער ראובן'ל ניט ארויסגעריסען פון דוד לייזער'ס באָרד א גאַנצען בינטעל מיט האָאר? איז אפשר דוד לייזער אין כעס געוואָרען, האָט ער אפשר געשריען פון וועהטאָג, האָט ער אפשר געטופעט מיט די פיס? ניין, ער האָט זיך צולאַכט אזוי ווי פון גרוס גליק, און אזוי ווי פון שמחה האָט ער זיך צוואוויינט.

שיכור: דוד איז ניט א פראָסטער מענש. ער איז גאָר משונה'דיג. איך זאָג איהם: צו וואָס גיט איהר מיר געלד? אמת, איך בין בארפוס און שמוציג, אבער מיינט ניט, אז איך וועל פאר אייער געלד קויפען זייף און שטיוועל. איך וועל עס פער'שכור'ן אין דעם נאָהענטסטען שיינק. אזוי האָב איך איהם ג ע ד א ר פ ט זאָגען, וואָרום הגם איך בין א פיאניצע, בין איך אבער אן עהרליכער מאַן. און דער משונה'דיגער דוד ענטפערט מיר לעכערליך אזוי ווי א גוטער משוגע'נער: אויב אייך איז אנגענעהם צו טרינקען,

סעמיאָן, טרינקט זיך אייך, זייט מוחל, — ניט לערנען מענשען בין איך געקומען, נור דערפרעהען זיי בין איך געקומען.

אַלטער איד: לעהרער זיינען פאראַן גענוג, נור ווער עס זאָל דערפרעהען מענשען איז ניטאָ. זאָל גאָט בענשען דוד'ן, דעם ערפרעהער פון מענשען.

בעזקראַיני (צום שיכור): און קיין שטיוועל האָסט דו טאַקע ניט געקויפט?

שיכור: ניין. איך בין אַן עהרליכער מאַן...

פיעדלער: נו, זאָגט איהר אַלע, ווער עס האָט נור געוויסען. (מיט פערצווייפלונג.) איז דען אַזאַ מוזיק פּאַסיג פאַר דוד'ן, דעם ערפרעהער פון מענשען? עס איז מיר אַ בושה, וואָס איך האָב צונויפגענומען אַזאַ שלעכטען אָרקעסטער. הלואי וואָלט איך בעסער געשטאָרבען איידער מיאוס מאַכען זיך ביי דוד'ן.

שרה (צום קאַטערינשטשיק): און איהר וועט שפּיעלען, מוזיקאַנט? ביי אייך איז איצט אַזאַ שעהנע מאַשינע, אַז מלאכים וואָלטען געקענט טאַנצען.

קאַטערינשטשיק: איך וועל שפּיעלען.

שרה: אבער פאַר וואָס איז ביי אייך ניטאָ קיין אָבעזיאַנע?

קאַטערינשטשיק: איך האָב ניט געקענט געפינען קיין גוטע אָבעזיאַנע, די, וואָס איך האָב געזעהן, זיינען אָדער אַלט, אָדער בייז, אָדער גאָר אָהן טאַלענט, און קענען אפילו קיין פליה ניט כאַפּען. ביי מיר האָבען שוין איין אָבעזיאַנע אַמאָל די פליה צו־פרעסען, און איך וויל ניט, אַז נאָך איינע זאָל ביי מיר אַזוי אומ־קומען. אַן אָבעזיאַנע דאַרף האָבען טאַלענט, פאַר איהר איז דאָס אַזוי נויטיג ווי פאַר אַ מענשען — אַן עק אַליין האָבען איז ווענינ אפילו אויף צו זיין אַן אָבעזיאַנע.

וואַנדערער (פרעגט שטיל אוים אברהם חעסין): איד, זאָג מיר דעם אמת, מיך האָבען מענשען אַהער געשיקט, און איך האָב פיעל וויאָרסט אַהער געוואַנדערט מיט מיינע אַלטע פיס אונטער דער ברענענדער זון, וואָס ווייס ניט פון קיין רחמנות, אום אוים־

צוגעפינען דעם אמת. ווער איז דאָס דער דוד, וואָס דערפרעהט מענשען? זאָל זיין אז ער היילט ניט קיין קראנקע...

חעסין: דאָס איז אַן עבירה און אַ בעליידיגונג געגען גאָט, צו רעכענען אז אַ מענש קען אויסהיילען.

וואַנדערער: זאָל זיין אזוי. אָבער איז דאָס ניט אמת, אז דוד לייזער וויל אויסבויען אַ גרויסען פּאַלאַץ פון ווייסע שטיינער און בלויע גלאָז און פערזאַמלען אהין אַלע אָרימע פון דער ערד?

חעסין (אין פערלעגענהייט): דאָס ווייס איך ניט. קען מען דען בויען אזא גרויסען פּאַלאַץ?

וואַנדערער (מיט איבערצייגונג): מען קען. און איז דאָס אמת, אז ער וויל אָבנעהמען די מאַכט פון די רייכע און אוועקגעבען זי פאַר די אָרעמע. (מיט אַ מורמעל) און נעהמען די הערשאַפט פון די הערשענדע, די מעכטיגקייט פון די בעפעהלענדע און איינטהיילען דאָס פאַר אַלע מענשען, אַלעמען גלייך, וויפיעל עס זיינען נור פאַראַן אויף דער וועלט?

חעסין: איך ווייס ניט. דו שרעקסט מיך, אַלטער.

וואַנדערער (קוקט זיך אַרום פאַרזיכטיג): און איז דאָס אמת, אז ער האָט שוין געשיקט שלוחים קיין עטהעאָפּיען צו די שווארצע מענשען, אז אויך זיי זאָלען זיך פערטיג מאַכען אויפצונעהמען די נייע מלוכה, וואָרום ער וויל איינטהיילען אויך פאַר די שווארצע מענשען גלייך מיט די ווייסע, אַלעמען גלייך; יעדען אזוי פיעל, וויפיעל ער פערלאַנגט — — — (שטיל, בסוד, דראָהענדיג) עס זאָל זיין על פּי יושר.

(אויפ'ן וועג, פונ'ם רעכטען פערקירעווען, בעווייזט זיך דוד לייזער, וועלכער געהט לאַנגזאַם; אין רעכטער האַנד אַ שטעקען, אונטער דעם לינקען אָרעם האַלט איהם אונטער אשמדאי. צווישען די וואַרטענדע איז אַ מהומה; די קלעזמער וואַרפען זיך צו זייערע אינסטרומענטען, די ווייבער קלייבען אין איילעניש זייערע קינדער, געשרייען: ער געהט, געהט; מען רופט: משה, פעטריק, שרה!)

וואַנדערער: ניט אמת, אז...

חעסין: פרעג איהם. אַט איז ער דאָך אַליין.

(דערזעהענדיג די מאַסע, שטעלט אשמדאי אָב דעם פּער־מראַבטען דוד און מיט אַ ברייטע טריאומפירענדע בעוועגונג ווייזט ער איהם אָן אויף די וואַרטענדע. אַזוי שטעהען זיי אַ ווײַלע: דוד מיט זיין גרויען קאָפּ פערוואָרפען אַהינטער, און אשמדאי צוגעטוליעט צו איהם; אשמדאי רוקט צו זיין פּנים צו דוד'ס און ראַמט איהם עפּעס היציג איין אַ סוד, אָנווייזענ־דיג אַלץ מיט דער לינקער האַנד. דער פערצווייפעלטער, צאַפּעלדיגער לייבקע האָט ענדליך צונויפגענומען זיין אָרקעס־טער, און עס שיסט ארויס אַ טוש פון פערשיעדענע מינים קולות, בונט און פרעהליך, ווי די פלאַטערנדע קאָלירטע טיכער. פרעהליכע געשרייען, געלעכטער, די קינדער שטויסען זיך פאָראויס, אימיצער וויינט, פיעלע ציהען אויס די הענד, ווי אין אַ געבעט צו דוד'ן. און אין דעם טומעל פון די פרעהליכע געשרייען בעוועגט זיך אַלץ נעהנטער לאַנגזאַמערהייט דוד. די מאַסע מאַכט אָרדנונג און לאָזט אַ וועג; פיעל וואַרפען צו צווייגען און בעטען אויס בגדים אַלס אַ וועג פאַר איהם; ווייבער רייסען אַראָב די טיכלעך פון קאָפּ און וואַרפען דאָס צו זיינע פיס אויף דעם שטויביגען וועג. אַזוי דערגעהט ער ביז שׂרה'ן, וועלכע שטעהט אויף מיט די איבריגע פרויען צו בעגריסען איהם. די מוזיק ווערט איינגעשטילט. אָבער דוד שווייגט. אַלע אין פערלעגענהייט.)

חעסין: וואָס־זשע שווייגסט דו, דוד? אַט זיינען די מענ־שען, וועלכע דו האָסט גליקליך געמאַכט; זיי בעגריסען דיך און בעטען אויס מיט בגדים דיין וועג, וואָרום גרויס איז זייער ליעבע, און עס איז צו ענג די ברוסט פאַר דער שמחה. זאָגט אַ וואָרט — זיי וואַרטען.

(דוד שטעהט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען און מיטביידע הענד אָנגעלעהנט אויפ'ן שטעקען. זיין פּנים איז שטרענג און ווירדיג. און אונרוהיג קוקט אויף איהם איבער'ן שולטער אשמדאי.)

אשמדאי: מען ווארט אויף דיר, דוד. זאָג זיי א פריידענס־וואָרט, און בערוהיג זייער ליעבע.

(דוד שווייגט.)

א פרוי: וואָס־זשע שווייגסט דו, דוד? דו שרעקסט דאָך אונז. ביזט דו דען ניט דער דוד, וואָס ברענגט פרייד פאר מענשען?

אשמדאי (אונגעדולדיג): רייד־זשע, דוד. זייער צוטומעל־טער געהער ווארט אויף א פריידענס־וואָרט און מיט דיין שווייגען, וואָס איז ווי די שטומקייט פון א שטיין, דריקסט דו צו זייער נשמה צו דער ערד. רייד!

דוד (הויבט אויף די אויגען און בעקוקט די מאַסע מיט שטרענג־קייט): צו וואָס איז דער כבוד און די קולות און די מוזיק, וועלכע שפיעלט אזוי הילכיג? — וועמען גיט איהר דאָס אָב אזוי פיעל כבוד, וועלכען עס איז ווערטה בלויז א פירסט אָדער אימיצער, וואָס האָט עפּעס גרויסעס אויפגעטהאָן? בעט איהר דאָס אויס פאַר מיר, אַלטען, אָרעמען מענשען, וואָס דאַרף באַלד שטאַרבען, בגדים אויף'ן וועג? וואָס האָב איך אזוינס געטהאָן, אז איך זאָל פערדיע־נען אזא יובעל, אזא פרייד און ארויסרופען פון די אויגען טרעהרען פון שמחה! איך האָב אייך געגעבען געלד און ברויט — אָבער דאָס געלד איז דאָך דעם אויבערשטענ'ס; פון איהם קומט דאָס און צו איהם געהט דאָס צוריק דורך אייך. איך האָב נור דאָס געטהאָן: איך האָב ניט בעהאַלטען דאָס געלד, ווי א גנב, און איך בין ניט געוואָרען קיין גזלן, ווי די וואָס פערגעסען אויף גאָט. רייד איך ווי מען דאַרף, נולליוס?

אשמדאי: ניין, דוד, ניט אזוי! דיינע רייד זיינען אונווירדיג פאַר א חכם און ניט פון די לעפּצען פון א שטילען, אונטערטהעניגען קומען זיי ארויס.

אַלטער: ברויט אָהן ליעבע איז ווי גראָז אָהן זאַלץ; דער מאָגען ווערט אָנגעזעטיגט, אין מויל אָבער בלייבט א פערשוואַכונג און א ביטערע עראינערונג.

דוד: האָב איך דען עפּעס פערגעסען צו זאָגען, נולליוס? דאַן דערמאָן מיך, מיין פריינד; איך בין שוין אַלט און מיינע אויגען

זעהען שוואַך, אָבער זיינען דאָס דען ניט כלי־זמר ווען איך זעה, זאַג, נולליוס. זיינען דאָס ניט פּלאַגען, בונטע ווי דער צונג פון אַ סאַראַקע, וואָס פּלאַטערען איבער מיין קאָפּ? זאַג נולליוס.

אשמדאי: דו האָסט מענשען פּערגעסען, דוד. דו זעהסט די קינדער ניט, דוד לייזער.

דוד: קינדער?

(פּרויען ציהען אוים צו דוד'ן זייערע קינדער מיט אַ געוויין.)

שטימען: בענש מיין זוהן, דוד! — ריהר זיך בלויז אָן אָן מיין מיידעלע, דוד. בענש! — גיב נור איין ריהר! — איין ריהר!

דוד (אויפהויבענדיג די הענד צום הימעל): אַ, חנה, אַ בנימין, אַ רפאל און מיין קליינינקער משה'לע! ....

(קוקט אַראָב און ציהט אוים די הענד צו די קינדער.)

דוד: אַ, מיינע קליינינקע עופה'לעך, וואָס זיינען צושטאָרבען אויף די נאַקעטע צווייגען פון ווינטער... אַ, קינדערלעך, קינדערלעך, קליינינקע קינדערלעך.... נו, איז וואָס־זשע, נולליוס? ווייל איך דען ניט? וויין איך דען ניט, נולליוס? נו, — און זאָלען אַלע וויינען. נו, — און זאָלען שפּיעלען די מוזיקאַנטען, נולליוס — איך האָב דאָך שוין איצט פּערשטאַנען. אַ, קינדעלעך, קליינינקע קינדערלעך, איך האָב דאָך אייך מיינס אוועקגעגעבען, איך האָב אייך געגעבען מיין אַלטעס האַרץ, איך האָב אייך געגעבען מיין טרויער און מיין שמחה — האָב איך זיי דען ניט מיין גאַנצע נשמה אוועקגעגעבען, נולליוס?

(געוויין און געלעכטער, וואָס איז עהנליך צו טרעהרען.)

דוד: ווידער האָסט דו אַרויסגעריסען מיין נשמה פון די לאַפּעס פון זינד, נולליוס. אין דעם טאָג פון פרייד האָב איך זיך אָן אומעטיגער געוויזען פאַר דעם עולם; אין דעם טאָג פון זיין יובעל, האָב איך ניט צום הימעל אויפגעהויבען די אויגען, נאָר אַרונטערגעלאָזען צו דער ערד, איך אַלטער, שלעכטער מענש. ווען האָב איך געוואָלט נאַרען מיט מיין פּערשטעלען זיך? לעב איך דען ניט טאָג ווי נאַכט אין שמחה און שעפּ ניט מיט פולע הויפענס

ליעבע און גליק? פאַר וואָס זשע האָב איך זיך פערשטעלט פאַר אַזאַ אומעטיגען? — — — איך ווייס ניט, ווי מען רופט דיך, פרוי, גיב מיר דיין קינד, אָט דעם וואָס לאַכט, ווען אַלע וויינען, וואָרום ער איז דער איינציגער קלוגער. (שמייכעלט דורך טרעהרען) אָדער דו האָסט אפשר מורא, אַז איך וועל, ווי אַ ציגיינער, איהם וועק'גנב'ענען?

(די פרוי שטעלט זיך אויף די קניע און דערלאַנגט דוד'ן דאָס קינד.)

פרוי: נעהמט, דוד! אַלעס בעלאַנגט צו אייך, מיר און אונזערע קינדער.

2טע פרוי: און מיינעם נעהמט אויך, דוד!

3טע פרוי: מיינעם, מיינעם!

דוד (נעהמט דאָס קינד און דריקט צום ברוסט, פערדעקענדיג איהם מיט זיין באָרד): ששש... וואָס פאַר אַ באָרד! וואָס פאַר אַ שרעקליכער באָרד! אָבער דאָס מאַכט נישט... מיין קלייניגקער, דריק זיך צו שטאַרקער און לאַך — דו ביזט דער קלינגסטער. שרה, מיין ווייב, קום אהער.

שרה (וויינענדיג): איך בין דאָ.

דוד: לאָמיר אוועק פון דאַנען אויף אַ ווייליגקע. איך וועל אייך אוועקגעבען אייער קינד, פרוי, איך וועל איהם נור איין ווייליגקע האַלטען.... לאָמיר אָבטרעטען אַ ווייל, שרה. פאַר דיר שעהם איך זיך ניט צו וויינען, ניט מיט טרעהרען פון צרות און נים מיט טרעהרען פון שמחה.

(געהען אָב אָן אַ זייט, וויינען שטילינקערהייט ביידע. עס זעהען זיך בלויז זייערע אַלטע געבויגענע שולטערען און דוד'ס רויטע פאַטשיילע, מיט וועלכע ערווישט די אויגען און דאָס נאַסע געזיכט פון'ם קינד פון זיינע טרעהרען.)

שטימען: ששש!... שטיל! זיי וויינען. שטערט זיי נים וויינען. שטיל! שש.... שטיל!

(אשמדאי אויף די שפיצען פינגער, שעפּצעט: ששש... שטיל. נעהט אונטער צו די מוזיקאַנטען און רעדט עפּעס מיט

זיי וועגען וואָס, דיריזשירענדיג מיט די הענד. ביסלעכווייז שטייגט דער רויש און לאַרעם. בעזקראַיני, פּוריקעס, שיינדעל וואַרטען שוין לאַנג מיט פולע גלעזער אין די הענד.)

דוד (קעהרט צוריק און ווישט די אויגען): נאָט אייך אייער קינד, פּרוי. ער איז אונז גאָר ניט געפעלען געוואָרען, ניט אמת, שרה?

שרה (וויינענדיג): ביי אונז וועלען שוין מעהר קיין קינדער ניט זיין, דוד.

דוד: אָבער, אָבער, שרה! (שמייכעלט) זיינען דען אַלע קינדער, וואָס זיינען נור פאַראַן אויף דער וועלט, ניט אונזערע? יענער האָט קיין קינדער ניט, ביי וועמען עס זיינען פאַראַן דריי, זעקס אָדער אפילו צוועלף, אָבער ניט דער, וואָס האָט זיי אָהן א שיעור.

שיינדעל: טרינקט אויס א גלאָז סאָדאַ־וואַסער, רבי דוד לייזער — דאָס איז דאָך אייער וואַסער.

פּוריקעס: טרינקט א גלאָז וואַסער, דוד, דאָס וועט מיר ברייינגען קונים.

בעזקראַיני: טרינקט אויס א גלאָז פּריצישען קוואַס, דוד. איצט איז עס טאַקע ווירקליך פּריצישער קוואַס. איך מעג דאָס סמעלע זאָגען: מיט אייער געלד ווערט אַלעס ווירקליכער.

שרה (מיט טרעהרען): איך האָב דאָך אייך אַלע מאָל געזאָגט, איוואַן, אז ביי אייך איז שלעכטער קוואַס. און איצט ווען ביי אייך איז טאַקע ווירקליכער קוואַס, שלאָגט איהר מיר גאָר ניט פּאָר.

בעזקראַיני: אָך, שרה!...

דוד: דאָס לאַכט זי, איוואַן. איך דאַנק אייך. אָבער איך קען ניט טרינקען אזוי פיעל. איך וועל פערזוכען פון יעדענס. זעהר, זעהר גוטע וואַסער, שיינדעל. איהר האָט ערפונדען א סוד און וועט אין גיכען רייך ווערען.

שיינדעל: איך שיט אריין אביסעל מעהר סאָדע, דוד.

וואַנדערער (שטיל צום אשמדאי): איז דאָס אמת — איהר

זייט דאָך דוד לייזער'ס נעהנטססטער פריינד, וועט איהר מיר דאָך זאָגען — איז דאָס אמת, אז ער וויל בויען א...?

אשמדאי: צו וואָס אזוי הויך! לאָמיר אוועק אביסעל אָן א זייט.

(זיי סוד'ען זיך, אשמדאי לייקענט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ זעהט אוים ניט צוגעבענדיג, אָבער שמייכעלט און גלעט דעם אַלטען איבער'ן פּלייצע, און עס איז קענטיג אז דער אַלטער גלויבט איהם ניט. אין פערלויף פון ווייטערע געשעהעניסען פיהרט אשמדאי ביסלעכווייז אוועק די כלי־זמרים, דעם קאַטע־רינשטשיק און דאָס באַלק הינטער די זיילען, וואו מען זעהט זיי ניט, אבער עס הערט זיך דער ליאַרעם, געשרייען, געלעכטער, קורצע טענער פון אינסטרומענטען, וועלכע מען גרייט צו צום שפּיעלען. עטליכע פערבליעבענע שמועסען מיט דוד'ן.)

חעסין: איז דאָס אמת, דוד, אז איהר מיט שרה'ן פאָהרט אוועק קיין ירושלים, אין דער הייליגער שטאָדט, וועגען וועלכער מיר קענען נור טרוימען?

דוד: יא, אברהם, עס איז אמת. הגם איך בין געזינדער געוואָרען און מיר טהוט שוין ניט וועה די ברוסט...

חעסין: דאָס איז דאָך טאַקע א נס, דוד?

דוד: פרייד גיט געזונד, אברהם, און ווען מען דיענט גאָט, שטאַרקט דאָס די געזונד. אבער פון דעסטוועגען ווען מיר דאָך ביידע, איך און שרה, לאַנג ניט לעבען און עס וואָלט זיך וועלען די אויגען זאָלען אָברוהען, א בליק טהוענדיג אויף דער שעהנקייט פון גאָט'ס לאַנד. אבער, אַלטער פריינד, פאַר וואָס זאָגסט דו צו מיר ווידער „איהר" — האָסט דו מיר נאָך אַלץ ניט מוחל געווען?

חעסין (צושראָקען): אוי, רעדט ניט, דוד. ווען איהר זאָלט פון מיר פאָדערן: זאָג מיר „דו" אָדער מאַך זיך א טויט, וואָלט איך זיך בעסער דעם טויט געמאַכט, און „דו" ניט געזאָגט. איהר זייט ניט קיין פּראָסטער מענש, דוד.

דוד: יא. איך בין ניט קיין פּראָסטער מענש. איך בין א גליקליכער מענש. אבער וואו איז נולליוס, דער פרעהליכער מענש,

איך זעה איהם עפּעס ניט. נו, געוויס, ער גרייט שוין צו עפּעס אַ שפּאַס — איך קען איהם. אַט ווער עס פעראומערט ניט די ערד מיט קיין מרה־שחורה, אברהם, און האָט ניט פיינד קיין געלעכטער, וואָס איז פאַר'ן לעבען ווי טהוי פאַר גראָז און גלינצערט אַזוי פיעל־פאַרביג אין די שטראַהלען פון דער זון. נו געוויס מאַכט ער שפּאַס, הערט נור.

(הינטער די זיילען שפּיעלט מוזיק: דער אָרקעסטער און די קאַטערינקע מיט גרויס אימפּעט דיזעלביגע מוזיק־שטיק, וואָס האָט פריהער געשפּיעלט די קאַטערינקע אליין. די קלאַנגען זיינען צוריסענע, אביסעל ווילד, משונה און אביסעל לעבעדיג, אבער זאַנדערבאַר פרעהליכע. דער פלייט פייפט אָהן אַ טאָלק, אַזוי ווי די פייפעריי פון אַן אַלטע קאַטערינקע; דער טרומייט כריפּעט עפּעס אַזוי ווי פערקראַכען אַן אַ זייט, קרום און צו דערזעלבער צייט, וואָס די מוזיק שפּיעלט און קומט אונטער, בעווייזט זיך אויף דאָס פאָלק, וועלכעס געהט אָהער — אַ גאַנצער טריאומפירענדער מאַרש. אַן דער שפּיצע מאַרשירט צוזאַמען מיט דעם פערכמורעטען קאַטערינשטשיק אשמדאי, אונטערטאַנצענדיג, פערוואָרפען איבער'ן אַקסעל דעם רימען פון דער קאַטערינקע, דרעהענדיג די הענטעל מיט זיין לינקער האַנד און מיט דער רעכטער דיריזשירענדיג, און ער וואַרפט צום הימעל און אין אַלע זייטען אַנגענעהמע בליקען. הינטער איהם, שנעל, אויך צוטאַנצענדיג אין מאַרש געהען די כלי־זמר און די פרעהליך־געוואָרענע קבצנים. פאַרביי־געהענדיג פאַרביי דוד'ן, בויגט דער אשמדאי אַן דעם קאָפּ אין זיין זייט און אַזוי ווי צו איהם ווענדעט ער זיין פּייפּענים, די מוזיק און די גאַנצע שמחה. און אַזוי געהען אויך פאַרביי די מוזיקאַנטען, אַנבויגענדיג די העלזער צו דוד'ן, און אַזוי דער עולם. און מיט שפּאַסהאַפטען פאַרוואורף שמייכעלט דוד, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און פאַנאַנדערציהענדיג זיין גרויען, גרויסען באָרד. די פּראָצעסיאָן געהט אריבער און אב.)

שרה (געריהרט): וואָס פאַר אַ שעהנע מוזיק. ווי גוט, ווי

יום־טוב׳דיג. דוד, דוד, קען דען זיין, אַז דאָס איז אַלץ פון דיינט־וועגן?

דוד: פון אונזערטוועגן, שרה.

שרה: נו, וואָס בין איך. איך קען בלויז ליעב האָבען מיינע קינדער. אָבער דו... אבער דו... (מיט אביסעל פּחד) איהר זייט ניט קיין פּראָסטער מענש, דוד.

דוד (שמייכעלט): נו, וואָס־זשע בין איך, אַ גובערנאַטאָר? אָדער גאָר אַ גענעראַל?

שרה: לאַכט ניט, דוד. איהר זייט עפּעס ניט קיין פּראָסטער מענש.

(דער וואַנדערער, וועלכער איז די גאַנצע צייט דאָ גע־שטאַנען און האָט געזעהען דעם טריאומף־מאַרש, הערט זיך איצט צו צו שרה׳ס ווערטער און שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ, אלס בעשטעטיגונג. עס ערשיינט אַ פרעהליכער, אביסעל אָהן אָטהעם, מיעד, אשמדאי.)

אשמדאי: נו, ווי, דוד? מיר דוכט, אַז גאָר ניט שלעכט. האָבען פאַרביימאַרשירט גאַנץ שעהן — איך האָב אפילו ניט ערוואַרט. נור אָט דער דומער טרומייט...

(מיט טאַנצענדע טריט, צופייפענדיג, געהט ער ווייטער פאַרביי דוד׳ן, אַזוי ווי אַרויסרופענדיג אין זיין זכרון דעם פּאַראַד, און צולאַכט זיך.)

דוד: יאָ, נולליוס. די מוזיק איז געווען זעהר גוטע. איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוינס ניט געהערט. איך דאַנק דיר, נולליוס — מיט דיין שפּאַס האָסט דו געבראַכט דעם פאָלק גרויס פערגניגען.

אשמדאי (צום וואַנדערער): און דיר געפעלט, אַלטער?

וואַנדערער: עס געפעלט. נישקשה. אבער וואָס פאַר אַ בעטרעף וועט דאָס האָבען געגען דעם, ווען אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלען זיך בויגען צו די פיס פון דוד־לייזער?

דוד (איבערראַשט): וואָס זאָגט ער, נולליוס?

אשמדאי: אַך, דוד, דאָס איז אפילו ריהרענד: מענשען

זיינען פערליעבט אין אייך, ווי א כלה אין א חתן. דיזער וואנדער־ליכער מענש איז געקומען אהער פון פאר טויזענד וויארסט...

אשמדאי: און ער פרעגט מיך, צו ווייזט דוד־לייזער ניט קיין מופתים? נו, האב איך זיך צולאכט, האב איך זיך צולאכט...

חעסין: ער האט ביי מיר אויך דאסזעלבינע געפרעגט, אבער מיר האט דאס גאר ניט אויסגעזועהען לעכערליך: לאנג איז דאס געהער פון דעם ווארטענדען — איהם זינגען אפילו שטיינער.

וואנדערער: קורץ איז בלויז דער טריט פון דעם בלינדען, אבער זיינע געדאנקען זיינען לאנג.

(ער טרעט אב און פאר דער גאנצער צייט ווייטער פאלגט ער נאך דוד'ן, ווי א שאטען. עס איז שוין נאהענט פון זון־אונ־טערגאנג און די ערד ווערט ארומגענומען פון שאטענס. די לופט איז אנגעפילט מיט דער גרויסער שטילקייט פון אבזעגענען זיך און שלעפעריג לעגט זיך דער ראזעווער, ווארעמער שטויב, וואס איז געווען אונטער דער זון. מארגען וועלען איהם די שווערע רעדער אויפהייבען א גרויען, די שטומע, געהיימניס־פולע טריט פון געהענדע, וועלען ערשיינען ווי געשפענ־סטער און פערשווינדען, און דעם שטויב וועט צובלאזען דער ווינד און אוועקטראגען דאס וואסער — היינט שטראהלט ער אין רייכע קאלירען, לעגט זיך אין רוהע און שעהנקייט א ראזעווער, ווארעמער, ערקענענדיג די זון. — אברהם חעסין זעגענט זיך מיט דוד'ן און געהט אוועק. די הענדלער קלייבען צונויף זייער סחורה, מאכען זיך פארטיג צו פערמאכען די קלייטען. שטילקייט און רוהע.)

אשמדאי (בלאזט זיך אב): פפו, ענדליך. נו, האבען מיר דאס מיט אייך א ביסעל אן ארבייט געטהאן, דוד. דער איין טרומייט אליין (פערשטאפט די אויערען) וואס איז ווערטה. (אפענהערציג) ווייסט איהר וואס מיין אונגליק איז, דאס איז מיין זעהר איידעלער, שרעקליך איידעלער געהער, אן אונערטרעגליך איידעלער געהער, כמעט אזוי... יא, כמעט אזוי ווי ביי א הונד. לאמיך נור דער־הערען א...

דוד: איך בין זעהר מיעד, נולליוס, און איך וויל רוהען. און איך וואָלט היינט ניט וועלען זעהען מעהר קיין מענשען; איהר וועט דאָך קיין פאַראיבעל ניט האָבען, אַלטער פריינד...

אשמדאי: איך פערשטעה. איך וועל אייך בלויז בעגלייטען ביז אייער פּאַלאַץ.

דוד: יא, יא, ביז מיין פּאַלאַץ: לויט קאָנטראַקט בין איך נאָך אויף א האַלב יאהר א קיסר. לאָמיר געהען, שרה — צוזאַמען מיט דיר אין רוהע און פרייד וויל איך פערברענגען די איבער־געבליעבענע שטונדען פון דיזען גרויסען טאָג.

שרה: איהר זייט ניט קיין פּראָסטער מענש, דוד. ווי אַזוי האָט איהר געטראָפען וואָס איך ווינש.

(זיי געהען אָב אין דער ריכטונג צו די זיילען. דוד שטעלט זיך אָב, קוקט אויף צוריק און רעדט, אָנלעהנענדיג זיך מיט'ן האַנד אויף שרה'ס אַקסעל.)

דוד: גיב א קוק, שרה. אָט איז דער פּלאַץ, וואו עס איז אריבער אונזער גאַנצעס לעבען. — ווי טרויעריג און אָרעם ער איז און עס אָטהעמט פון איהם ווי פון א היימלאָזען מדבר. אבער, שרה, האָב איך דען ניט דאָ דערקענט די גרויסע ווארהייט פון דעם שיקזאַל פון מענשען? איך בין געווען אָרעם, עלענד און נאָהענט פון טויט, — א נאַרישער, אַלטער מאַן, וואָס האָט געזוכט אַן ענטפער ביי די כוואַליעס פון ים. נור אָט זיינען געקומען מענשען, — בין איך דען מעהר עלענד? בין איך דען אָרעם און נאָהענט פון טויט? הערט מיך אויס, נולליוס: ניטאָ קיין טויט פאַר'ן מענשען. וועלכער טויט? וואָס איז אַזוינס טויט? וועלכער טרויעריגער מענש האָט דאָס אויסגעטראַכט דיזען משונה'דיגען וואָרט — טויט? אפשר איז פאַראַן טויט, איך ווייס ניט — נור איך, נולליוס... איך בין אונשטערבליך.

(ווי א געטראָפענער פון א ליכטיגען שלאַג בויגט ער זיך צונויף, אבער די הענד הייבט ער אויף אין דער הויך.)

דוד: אוי, ווי שרעקליך: איך בין אונשטערבליך. וואו איז דער סוף פון הימעל — איך האָב איהם פערלאָרען. וואו איז דער

סוף פון דעם מענשען — איך האָב איהם פערלאָרען. איך בין — אונשטערבליך. אָך, דעם מענשענס ברוכט טהוט וועה פון אונ־שטערבליכקייט און שמחה ברענט איהם אזוי ווי פייער. וואו איז דער סוף פונ'ם מענשען — איך בין אונשטערבליך. אדוני, אדוני, יהי שם ד' מבורך, געבענשט זאָל זיין אויף דורי דורות דער געהיימ־ניספולער נאָמען פון ד ע ם, וואָס גיט אונשטערבליכקייט דעם מענשען. 2

אשמדאי (מיט אימפעט): דעם נאָמען! דעם נאָמען! דו ווייסט זיין נאָמען. דו האָסט מיך אָבגענאַרט.

דוד (ניט הערענדיג): דער אונענדליכער ווייטקייט פון צייט גיב איך אוועק דעם מענשענס גייסט: זאָל ער לעבען אונשטערבליך אין דער אונשטערבליכקייט פון פייער; זאָל ער לעבען אונשטערב־ליך אין דער אונשטערבליכקייט פון ליכט, וואָס איז לעבען. און אויפהערען זאָל דער חשך פאַר דער אונשטערבליכער דירה פון ליכט. איך בין גליקליך, איך בין אונשטערבליך — אָ, גאָט!

אשמדאי (ווילד אין צאָרן, אַ מטושטש'ער): דאָס איז ליגען! אָ, ביז ווי לאַנג וועל איך הערען דעם שוטה! צפון און דרום, מזרח און מערב, איך רוף אייך. גיכער אהער, דעם טייפעל צו הילף! מיט די פיער ימים פון טרעהרען גיט אַ שטראָם אהער און בעגראָבט אין אייער תחום דעם מענשען. אהער! אהער!

(קיינער הערט ניט דעם יאָמער פון אשמדאי, ניט דוד, וועלכער איז אין גאַנצען בעלויכטען מיט דעם טריאומף פון אונשטערבליכקייט; ניט שרה, ניט די איבריגע מענשען, וועמעס גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז צוגעשמידט צו זיין הערליך־לייכטענדען פנים און צו די אויפגעהויבענע הענד צום הימעל. איינער אליין צאַפּעלט זיך דער אשמדאי, פלוכענדיג. עס דערהערט זיך אַ געשריי, און אויפ'ן וועג פון שטאָדט־זייט לויפט ארוים אַ פרוי, זעהר געפאַרבט דער פנים, ווי די געצענדיענער פאַרבען די קערפּער פון די מתים. אימיצענס בייזע האַנד האָט צוריסען איהרע קליידער, וועלכע זעהען אויס שרעקליך מיט זייער ביליגע אויסגעפּוצטקייט, און

דער שעהנער פּנים איז פערקריפּעלט. זי שרייט און וויינט און רופט משונה ווילד.)

פרוי: אָ, גאָט! וואו־זשע איז דוד, וואָס טהיילט עשירות? צוויי טעג און צוויי נעכט, ווי איך זוך איבער דער גאַנצער שטאָדט און עס שוויינגען די הייזער, און די מענשען לאַכען. אָ, זאָגט מיר, גוטע מענשען, — האָט איהר ניט געזעהן דוד'ן? האָט איהר ניט געזעהען דוד'ן, וועלכער דערפרעהט מענשען? אָ, אָבער ניט קוקט דאָך אזוי אויף מיין אָפּענער ברוסט — דאָס האָט אַ בייזער מענש צוריסען מיינע קליידער און האָט פערבלוטיגט מיין פּנים. אָ, ניט קוקט אויף מיין אָפּענער ברוסט: זי האָט ניט פערזוכט דעם גליק צו נעהרען אונשולדיגע ליפּעלעך.

וואַנדערער: דוד איז דאָ.

פרוי (פאַלענדיג אויף די קניע): דוד איז דאָ? אָ, האָט אויף מיר רחמנות, מענשען און נאַרט מיך ניט: איך בין בלינד געוואָרען פון אָבנאַרונג און טויב געוואָרען פון ליגען. הער איך דאָס ווירקליך — דוד איז דאָ?

בעזקראַיני: יאָ, און אַט שטעהט ער. אָבער דו האָסט פער־שפּעטיגט. ער האָט שוין צוטהיילט די עשירות.

פוריקעס: ער האָט שוין צוטהיילט די עשירות.

פרוי: וואָס האָט איהר צו מיר מענשען! צוויי טעג און צוויי נעכט האָב איך געזוכט און מען האָט מיך אָבגענאַרט, און אָט בין איך געקומען — צו שפּעט. דאַן וועל איך דאָך שטאַרבען אויפ'ן וועג — איך האָב מעהר ניט וואוהין צו געהן.

(וואַרפט זיך וויינענדיג אויף דעם שטויביגען וועג.)

אשמדאי: דוכט זיך, מען איז צו דיר געקומען, דוד.

דוד (צוגעהענדיג): וואָס דאַרף דיזע פרוי?

פרוי (ניט אויפהייבענדיג דעם קאָפּ): איך וואַג ניט צו קוקען אויף דיר. דו ביזט אודאי ווי די זון (צערטליך און פער־טרוילּיך) אָ, דוד, ווי לאַנג איך האָב דיך געזוכט... מיך האָבען מענשען אַלץ גענאַרט. זיי האָבען מיר געזאָגט, אַז דו ביזט אוועק־געפאָהרען, אַז דו ביזט אין גאַנצען ניטאָ און גאָר קיינמאָל ניט

געווען. איין מאַנספּאַרשוין האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז דוד, און ער האָט מיר אויסגעזעהן צו זיין אַ גוטער, אַבער ער איז זיך אויך מיט מיר בעגאַנגען ווי אַ גזלן.

דוד: שטעה אויף!

פרוי: אָ, לאָז מיך אַברוהען נעבען דיינע פיס. ווי אַ פויגעל, וואָס איז אַריבערגעפלויגען דעם ים, איז צושלאָגען געוואָרען פון רעגען, אַזוי בין איך אויסגעמאַטערט געוואָרען פון שטורעמס, איך בין טויט־מיעד. (וויינט, פערטרויענספול) איצט בין איך רוהיג, איצט בין איך גליקליך: איך בין נעבען די פיס פון דוד׳ן, וואָס דערפרעהט די מענשען.

דוד (אונענטשלאָסען): אַבער דו האָסט פערשפּעטיגט, פרוי. איך האָב שוין צוגעבען אַלעס, וואָס איך האָב געהאַט, און איך האָב מעהר גאָרנישט.

אשמדאי (אויפגעלעגט): יאָ. מיר האָבען שוין דאָס גאַנצע געלד צוטהיילט. געה זיך אַהיים, פרוי — מיר האָבען גאָרנישט. מיר האָבען אויף דיר רחמנות, אַבער דו האָסט פערשפּעטיגט. פערשטעהסט — פערשפּעטיגט. ערשט היינט אין דער פריה האָבען מיר אַוועקגעגעבען די לעצטע קאָפּיקע.

דוד: ניט מיט אַזאַ אַכזריות, נולליוס.

אשמדאי: דאָס איז דאָך אַבער אמת, דוד.

פרוי. דאָס קען ניט זיין! (הייבט אויף די אויגען.) ביזט דו דאָס, דוד? וואָס פאַר אַ גוטער דו ביזט. האָסט דו דאָס געזאָגט, אַז איך האָב פערשפּעטיגט? ניין, דאָס האָט ער — ביי איהם איז אַ בייזער פּנים. דוד, גיב מיר עפּעס געלד, איך בעט דיך, ראַטעווע מיך. איך בין טויט־מיעד. און אייך רופט מען דאָס שרה? איהר זייט זיין פרוי? — איך האָב וועגען אייך אויך געהערט.

(קריכט צו צו איהר און קושט איהר קלייד.)

פרוי: שטעלט איהר זיך פאַר מיר איין, שרה.

שרה (וויינענדיג): גיב איהר געלד, דוד. שטעה אויף, טהייערע, דאָ איז שטויביג זעהר, און ביי דיר זיינען אַזעלכע שעהנע

שווארצע האאר. זעץ זיך צו, דא, רוה זיך אב. דוד וועט דיר באלד געבען געלד.

(הייבט אויף די פרוי און זעצט זי נעבען זיך אויף א שטיין, און טוליעט צו צו איהר ברוסט איהר קאפ און צערטעלט.)

דוד: אבער וואס־זשע זאל איך טהון? (צוטראגען, ווישט זיין פנים מיט דער רויטער פאטשיילקע.) וואס־זשע זאל איך טהון? נולליוס, דו ביזט אזא קלוגער מענש, העלף מיר.

אשמדאי (צופיהרט מיט די הענד): איך שווער אייך, אז איך וויים ניט ווי. אט איז דאס פערשריעבענע, — ביי אונז איז קיין קאפיקע ניטא. און איך בין אן עהרליכער אדוואקאט און ניט קיין פאלשער געלדמאכער, אז איך זאל אייך אלע טאג צושטעלען א ירושה פון אמעריקא. (ער פייפט) איך האב ניט וואס צו טהון, שפאציער איך ארום אויף דער וועלט.

דוד (עמפעהרט): דאס איז אכזר׳יש, נולליוס. איך האב דאס פון אייך ניט ערווארט. אבער וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? (אשמדאי קוועטשט מיט׳ן פלייצע.)

שרה: זייט דא, ליעבינקע, איך וועל באלד קומען, דוד, קומט מיט מיר אוועק אויף א ווייל אן א זייט; איך דארף אייך וואס זאגען.

(געהען אב און סוד׳ען זיך.)

אשמדאי: מען האט אייך שטארק געשלאגען, פרוי? הפנים דאס איז געווען ניט זעהר קיין גרויסער כוואט, דער וואס האט אייך געשלאגען — ער האט טאקע די אויגען ניט אויס־געשלאגען, ווי ער האט געוואלט.

פרוי (פערדעקט זיך מיט די האאר): קוקט אויף מיר ניט, מענשען!

שרה: נולליוס, קומט אקארשט אהער.

אשמדאי: דא בין איך, מאדאם לייזער.

דוד (שטיל): וויפיעל איז ביי אונז פארען געלד אויף צו פאהרען קיין ירושלים, נוליוס?

אשמדאי: דריי הונדערט רובעל.

דוד: גיט זיי אוועק דער פרוי. (שמייכעלט און וויינט.) שרה וויל ניט פאהרען קיין ירושלים. זי וויל דא האנדלען ביז'ן סאמע טויט. וואס פאר א נארישע פרוי, ניט אמת, נולליום? (וויינט איינגעהאלטען.)

שרה: טהוט דיר זעהר וועה, דוד? דו האסט אזוי געוואלט פאהרען.

דוד: וואס פאר א נארישע פרוי, נולליום. זי פערשטעהט ניט, אז איך וויל אויך האנדלען. (וויינט.)

אשמדאי (געריהרט): איהר זייט ניט קיין איינפאכער מענש, דוד.

דוד: דאס איז געווען מיין רעיון, נולליום, שטארבען אין דער הייליגער שטאדט און מיין שטויב זאל פעראייניגט ווערען מיט דעם שטויב פון די צדיקים, וואס זיינען דארט בעערדיגט געווארען. אבער (שמייכעלט) איז דען די ערד ניט אומעטום גוט פאר איהרע מתים? גיט אוועק דאס געלד דער ארעמער פרוי. מיר איז פרעהליך געווארען! איז ווי־זשע בלייבט, שרה? מען דארף עפענען א קלייטעל און לערנען זיך ביי שיינדלען מאכען גוטע סאדע וואסער.

אשמדאי (טריאומפירענד): פרוי, דוד, וועלכער ערפרעהט מענשען, גיט דיר געלד און גליק.

בעזקראיני (צו שיינדלען): איך האב דיר געזאגט, אז עס איז נאך ניט צוגעבען געווארען דאס גאנצע געלד. ער האט מיליאנען!

וואנדערער (הערט זיך צו): אזוי, אזוי. קען דען דוד אוועקגעבען אלעס? ער האט בלויז אנגעהויבען אוועקצוגעבען.

(די פרוי דאנקט דוד'ן און שרה'ן; מען זעהט, ווי דוד לעגט ארויף זיינע הענד אויף דעם קאפ פון דער קניענדער פרוי, אזוי ווי צו בענשען זי. אהינטער זיין רוקען, פון דער זייט פון פעלד ווייזט זיך אויף'ן וועג עטוואס גרויעס, פער־שטויבטעס, וואס קריכט לאנגזאם און שווער. שווייגזאם

בעוועגט עס זיך און עס איז שווער צו גלויבען, אז דאָס זיינען מענשען — אזוי האָט זיי אויסגעגלייכט די גרויע שטויב פון וועג, אזוי האָט זיי פערברידערט נויט און יסורים. עפּעס אונרוהיגעס איז אין זייער שטומען, טויבען בעוועגען זיך אונ־בייגזאם; און מענשען פון דער זייט קוקען זיך צו צו זיי אונרוהיג.)

בעזקראַיני: אימיצער געהט אויפ׳ן וועג.

שיינדעל: עפּעס גרויעס קריכט אויפ׳ן וועג. אויב דאָס זיינען מענשען, זעהען זיי אָבער ניט אויס ווי מענשען.

פּוריקעס: אוי, מיך שרעקט פּאַר דוד׳ן. ער שטעהט צו זיי מיט׳ן רוקען און זעהט ניט. און זיי געהען אזוי ווי בלינדע.

שיינדעל: זיי וועלען איהם באלד צודריקען. דוד, דוד, גיט אכטונג!

אשמדאי: שפּעט, שיינדעל, דוד וועט אייך ניט דערהערען.

פּוריקעס: אבער ווער איז דאָס? איך האָב פּאַר זיי מורא.

וואַנדערער: דאָס זיינען אונזערע! דאָס זיינען די בלינדע פון אונזער געגענד, דאָס קומען זיי צו דוד׳ן זעהענדיג ווערען. (הויך.) שטעהט, שטעהט, איהר זייט שוין געקומען. דוד איז צווישען אייך.

(די בלינדע, וועלכע האָבען שוין כמעט דערדריקט דעם צושראָקענעם דוד, וועלכער זוכט אומזיסט געגענשטעהען דער אָנשווימענדער כוואַליע, שטעלען זיך אָב און זוכען אָהן אויגען. קראַפּטלאָז ציהען זיי זיך מיט די גרויע הענד, טאַפּענדיג דעם טוימען חלל; איינינגע האָבען שוין אויפגעזוכט דוד׳ן, און עס לויפען איבער איהם שנעל זייערע פיהלענדע פינגער, און פון זייערע שטימען, וואָס זיינען ווי דאָס קרעכצען פון בלעטער אונטער דעם הערבסט־ווינד, בעוועגט זיך קוים די פערגליווער־ט לופט. דער שנעל אָנקומענדער פאַרנאַכט גנב׳עט אראָב די אָבצייכנונג פון זאַכען און פרעסט אויף די פאַרבען; און עס איז קענטיג נור עפּעס וואָס איז אָהן געשטאַלט, וואָס ריהרט זיך דונקעל, וואָס ביינקט שטיל.)

בלינדע: וואו איז דוד? העלפט געפינען דוד'ן — — וואו איז דוד, וואס דערפרעהט מענשען? ער איז דא — איך פיהל איהם שוין מיט מיינע פינגער. ביזט דו דאס, דוד? וואו איז דוד? — וואו איז דוד? — דאס ביזט דו, דוד?

(דערשראקענע שטימען פון דער פינסטערניס.)

דוד: דאס בין איך, דוד־לייזער. וואס ווילט איהר פון מיר?

שרה (וויינענדיג): דוד, דוד, וואו ביזט דו? איך זעה דיך נים.

בלינדע (צונויפשליסענדיג זיך): אט איז דוד — דאס ביזט דו, דוד? — דוד — דוד.

פארהאנג.

פינפטעס בילד.

א הויכער, שטרענגער, עטוואָס דונקעלער צימער — דוד לייזער׳ס קאַבינעט אין דער רייכער ווילא, וואו ער דערלעבט זיינע לעצטע טעג. אין צימער זיינען צוויי גרויסע פענסטער: איינע, אַנטקעגען, געהט אַרויס צום שליאַך, וועלכער פיהרט צום שטאָדט; די צווייטע, אין דער לינקער וואַנד, געהט אַרויס צום גאָרטען. ביי דיזער פענסטער איז אַ גרויסער שרייב־טיש, אַ פערוואָרפענער מיט פּאַפּיערען אין אונאָרדנונג: דאָ זיינען קליינינקע בויגעלעך פּאַפּיער מיט בקשות פון אָרעמע לייט, קוויטלעך, שנעל צונויפגענעהטע לאַנגע העפטען; דאָ זיינען אויך גרויסע, דיקע ביכער, עהנליך אויף בוכהאַלטער־רישע, אונטער׳ן טיש און לעבען טיש שטיקלעך צוריסענע פּאַפּיער; אַ גרויסער תנ״ך, איבערגעקעהרט מיט די טאָוולען אַרויף, אַ צולייזטער, מיט אונטערגעבויגענע בלעטער, עהנליך אויף אַ דאַך פון אַ הויז, וועלכע האַלט אין איינפאַלען, וועלגערט זיך אַרום, אין אַ דיקען לעדערנעם איינבאַנד. ניט קוקענדיג אויף דער היץ, ברענט האַלץ אין קאַמין — דוד לייזער האָט קדחת, איהם איז קאַלט.

עס איז אבענד. דורך די אַרונטערגעלאָזענע שטאָרען שלאָגט זיך נאָך דורך אין פענסטער דאָס שוואַכע ליכט פון פאַרנאַכט. אבער אין צימער איז שוין פינסטער, און נור אַ קליינער לעמפּעל אויפ׳ן טיש כאַפּט אַרויס פונ׳ם חושך די ווייסע פלעקען פון צוויי גרויע קעפּ: דוד לייזער׳ס און דעם אשמדאי׳ס.

דוד זיצט ביים טיש. די לאַנג ניט פערקאַמטע האָר און באָרד גיבען צו זיין פּנים אַ ווילדען און שרעקליכען אויסזעהען. דער פּנים איז צומאַטערט, די אויגען ווייט צועפענט; כאַפּענ־

דיג זיך מיטביידע הענד פאַר'ן קאָפּ, קוקט ער אַנגעשטרענגט דורך די גרויסע, אין שטאָהל־געפאַסטע ברילען, אין פּאַפּיער, וואָס איז דורכאויס מיט בלייפעדער בעשריעבען, וואַרפט אָב איין פּאַפּיער, כאַפּט אַן אַנדערס, בלעטערט מיט רייסלענדע הענד דעם דיקען בוך. און אשמדאי שטעהט איבער איהם, האַלטענדיג זיך מיט'ן האַנד פאַר'ן וואַנדעל פון שטוהל פון הינטען; אזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט בעמערקען דוד'ן, שטעהט ער אונבעוועגליך, פערטראַכט און שטרענג. דער שפּאַס איז צו ענדע; און אזוי ווי דער שניטער פאַר דעם תבואה־שניט, פערגעהט ער מיט זיין בליק ווייט אין דער אונרוהיגער אונ־ענדליכקייט פון די פעלדער.

די פענסטער זיינען פערמאַכט, נור דורך די שויבען און וואַנד הערט זיך דאָס איינגעהאַלטענע געפּילדער און בעזונדערע אויסגעשרייען. און לאַנגזאַם וואַקסט אַן דאָס געפּילדער, געוויגט אין קראַפט און ליידענשאַפט; דאָס בעלאַגערן די נערופענע פון דוד'ן זיין וואָהנונג.

שווייגענהייט.

דוד: עס האָט זיך צוזעגט, נולליוס! דער באַרג, וואָס האָט געגרייכט צום הימעל, האָט זיך צושפּאָלטען אויף שטיינער, די שטיינער זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין שטויב, און דער ווינד האָט איהם צוטראָגען — וואו־זשע איז דער באַרג, נוליוס? וואו־זשע זיינען די מיליאָנען, וועלכע דו האָסט מיר געבראַכט? שוין אַ גאַנצע שעה, ווי איך זוך אין די פּאַפּירען אַ קאָפּיקע, איין קאָפּיקע בלויז, צו געבען דעם בעטענדען, און זי איז ניטאָ. — וואָס וועלגערט זיך דאָס דאָרט?

אשמדאי: דער תנ"ך.

דוד: ניין, ניין, אַ דאָרט, אין די פּאַפּירען? דערלאַנג אהער. דאָס איז אַ בעריכט, וועלכען איך האָב, מיר דוכט, נאָך ניט געזעהען. אַט וועט זיין אַ גליק, נולליוס! (קוקט אַנגעשטרענגט.) ניין, אַלעס איבערגעשטריכען. זעה, נוליוס, זעה: הונדערט, דערנאָך

פופציג, דערנאָך צוואַנציג — דערנאָך איין קאָפּיקע. אבער איך קען דאָך ביי איהם ניט אָבנעהמען איין קאָפּיקע?

אשמדאי: זעקס, אַכט, צוואַנציג — אמת?

דוד: אבער דאָך ניט אַזוי, נולליוס: הונדערט, פופציג צוואַנציג, אַ קאָפּיקע! עס האָט זיך צוזעגט, דורכגערונען דורך די פינגער אַזוי ווי וואַסער. און עס זיינען שוין טרוקען די פינגער — און מיר איז קאַלט, נולליוס.

אשמדאי: דאָ איז היים.

דוד: איך זאָג דיר, נוליוס, דאָ איז קאַלט! ווארף אונטער עטליכע שייטלעך אין קאַמין... ניין, ווארט, וויפיעל קאָסט אַ שייטעל האָלץ? איך האָב זיך פערגעסען: וויפיעל קאָסט אַ שייטעל?... אַ, ס'קאָסט פיעל, לעג דאָס אָב, נוליוס, — דיזער פערפלוכטער פייער עסט אויף די הארץ אַזוי גרינג, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט וויסען, אַז יעדער שייטעל איז לעבען. ווארט, נולליוס, דו האָסט אַ גוטען זכרון, דו פערגעסט קיין זאַך ניט, ווי אַ בוך — געדענקסטו ניט, וויפיעל האָב איך בעשטימט פאַר אברהם חעסין?

אשמדאי: פון אָנהויב פינף־הונדערט.

דוד: נו, יאָ, נולליוס, ער איז דאָך מיין אַלטער פריינד, מיר האָבען זיך געשפּיעלט צוזאַמען. און פאַר אַ פריינד איז דאָס גאָר ניט פיעל. פינף־הונדערט. נו, יאָ, געוויס, ער איז מיין אַלטער פריינד, און איך האָב אויף איהם רחמנות געהאַט, און ביז'ן סוף געלאָזען פאַר איהם מעהר איידער פאַר אַנדערע — פריינדשאַפט איז דאָך אַזאַ צאַרטעס געפיהל, נולליוס. אָבער עס איז ניט גוט, אויב אַ מענש פערלעצט אַנדערע, פרעמדע און ווייטע פון זיינעם אַ פריינד'ס וועגען. ביי זיי זיינען דאָך ניטאָ קיין פריינד און קיין בעשיצער. מיר וועלען דעריבער פערקירצען ביי אברהם חעסין, מיר וועלען אַ ביסעל נור פערקירצען... (מיט פחד) זאָג, וויפיעל האָב איך איצט בעשטימט פאַר אברהם'ן?

אשמדאי: איין קאָפּיקע.

דוד: דאָס קען ניט זיין! זאָג, אַז דו האָסט געמאַכט אַ טעות.

האָב אויף מיר רחמנות און זאָג מיר, אַז דו האָסט אַ טעות געהאַט, נולליוס. דאָס קען דאָך ניט זיין — אברהם איז מיין פריינד — מיר האָבען זיך געשפּיעלט צוזאַמען. דו פערשטעהסט, וואָס דאָס בעדייט, ווען קינדער שפּיעלען צוזאַמען, און דערנאָך וואַקסען זיי אויס און ביי זיי ווערען גרויע בערד און זיי שמייכלען צוזאַמען איבער דאָס פערגאַנגענע. ביי דיר איז דאָך אויך אַ גרויער באָרד, נולליוס...

אשמדאי: יאַ, ביי מיר איז גרוי דער באָרד. דו האָסט בעשטימט פאַר אברהם חעסין איין קאָפּיקע.

דוד (אָנכאַפּענדיג אשמדאי פאַר'ן האַנד, שעפּצענדיג): אבער זי האָט דאָך געזאָגט, אַז דאָס קינד וועט שטאַרבען, נולליוס — אַז ער שטאַרבט שוין. פערשטעה דאָך מיך, מיין אַלטער פריינד: איך מוז האָבען געלד. דו ביזט אַזאַ וואויילער, דו, (ער גלעט זיין האַנד) דו ביזט אַזאַ גוטער, דו געדענקסט אַלעס, ווי אַ בוך — זוך נאָך אביסעל.

אשמדאי: בעדענק זיך, דוד, דיין זינען איז געריהרט. שוין צוויי מעת־לעת, ווי דו זיצסט ביי דעם טיש און זוכסט דאָס, וואָס איז ניטאָ. געה ארויס צום פאָלק, וואָס וואַרט אויף דיר, און זאָג איהם, אַז דו האָסט קיין זאַך ניט און לאָז זיי אָב.

דוד (מיט כעס): בין איך דען שוין ניט צעהן מאָל ארויס־געגאַנגען צום פאָלק און ניט געזאָגט איהם, אַז איך האָב קיין זאַך ניט — איז דען אפילו איינער פון זיי אוועק? זיי שטעהען און וואַרטען, און זיי זיינען אַזוי פעסט אין זייערע יסורים, ווי אַ שטיין איינגעשפּאַרט אַזוי ווי אַ קינד ביי דער מוטער'ס ברוסט. פרעגט דען דאָס קינד, צי איז פאַראַן מילך אין דער מוטער'ס ברוסט? עס כאַפּט די ציצען מיט די צייהן און רייסט אָהן רחמנות. ווען איך רייד, שווייגען זיי און הערען ווי חכמים; ווי איך ווער אבער ענט־שווייגען — כאַפּט זיך אין זיי אריין דער שד פון יאוש און פון נויט און יאָמערט מיט טויזענדע קולות. האָב איך זיי דען ניט אַלעס אוועקגעגעבען, נולליוס? האָב איך דען ניט אַלע טרעהרען אויס־געוויינט? האָב איך זיי דען ניט דאָס גאַנצע בלוט פון הארצען

אוועקגעגעבען? — אויף וואָסזשע וואַרטען זיי, נולליוס? וואָס ווילען זיי פון דעם אָרעמען אידען, וועלכער האָט שוין אויסגעשעפּט זיין גאַנצען לעבען?...

אשמדאי: זיי וואַרטען אויף אַ נס, דוד.

דוד (שטעהט אויף מיט פּחד): שווייג, נולליוס, — דו פּרופּסט גאָט. ווער בין איך, וואָס איך זאָל שאַפען וואונדער? בעדענק זיך, נולליוס, קען איך דען פון איין קאָפּיקע מאַכען צוויי? קען איך דען צוגעהן צו די בערג און זאָגען: איהר בערג פון דער ערד, ווערט בערג פון תבואה און זעטיגט אָן דעם הונגער פון די הונגעריגע? קען איך דען צוגעהן צום ים און זאָגען: דו ים פון געזאַלצענעם וואַסער ווי טרעהרען, ווער אַ ים פון מילך און פון האָניג, און לעש דעם דורשט פון די דורשטיגע? בעדענק נור, נולליוס.

אשמדאי: האָסט דו געזעהן די בלינדע?

דוד: בלויז איין מאָל האָב איך גענומען די דרייסטקייט אויפצוהויבען די אויגען און איך האָב דערזעהן זאָנדערבאַרע גרויע מענשען, וועמען אימיצער האָט מיט עפּעס אַ ווייסקייט אריינגע־שפּייט אין די אויגען און זיי טאַפּען די לופט, אזוי ווי אַ סכנה און האָבען מורא פאַר דער ערד, ווי פאַר אַ פּחד. וואָס פערלאַנגען זיי, נולליוס?

אשמדאי: האָסטו געזעהן די קראַנקע און צוקאַליעטשעטע, ביי וועלכע עס פעהלען גליעדער און זיי קריכען איבער דער ערד? פון די פאָרען פון דער ערד קומען זיי ארויס אזוי ווי בלוטיגער שווייס — די ערד איז פון זיי אָבגעמיהט.

דוד: שווייג, נולליוס.

אשמדאי: האָסט דו געזעהן די מענשען, וועלכע עס ברענט דער געוויסען: דונקעל איז זייער פּנים און ווי פון פייער איז ער אָבגעברענט, און די אויגען זיינען ארומגערינגעלט ווי מיט אַ ווייסען רינג, און זיי לויפען אין דעם רינג אזוי ווי משוגענע פערד? האָסט דו געזעהן מענשען, וועלכע קוקען גלייך, און אין די הענד האַלטען

זיי גרויסע שטעקענס צו מעסטען דעם וועג? — דאָס זיינען זוכער פון אמת.

דוד: איך האָב ניט געוואָגט מעהר צו קוקען.

אשמדאי: האָסט דו געהערט דעם קול פון דער ערד, דוד?

(עס געהט אריין שרה און געהט מיט פחד אונטער צו דוד'ן.)

דוד: ביזט דו דאָס, שרה? פערמאַך פעסט די טהירען, לאָז קיין שפּאַלט ניט איבער הינטער זיך. וואָס דארפסט דו, שרה?

שרה (מיט שרעק און מיט גלויבען): איז דען נאָך ניט אַלעס פארטיג, דוד? אייל זיך און געה ארויס צום פאָלק. ער איז שוין מיעד געוואָרען ווארטענדיג, און פיעלע האָבען מורא פאר'ן טויט. לאָז אָב די, ווארום עס געהען נייע, דוד, און עס וועט באלד שוין ניט בלייבען קיין פּלאַץ, וואו אַ מענש זאָל זיך שטעלען קענען. און עס איז שוין אויסגעשעפּט געוואָרען דאָס וואסער אין די פאָנטאַנען און מען טראָגט פון שטאָדט קיין ברויט ניט, ווי דו האָסט געהייסען, דוד.

דוד (אויפהויבענדיג די הענד, מיט שרעק): טשוכע דיך אויס, שרה. אין אַ בייזע נעץ האָט דיך פערפּלאָנטערט דער שלאָף און מיט דעם אונזין פון ליעבע איז פערגיפטעט דיין הארץ. דאָס בין איך, דוד... (מיט שרעק) און איך האָב ניט געהייסען ברייננען קיין ברויט.

שרה: אויב עס איז נאָך ניט פארטיג, דוד, דאַן קענען זיי ווארטען. אָבער הייס אָנצינדען פייער און געבען אונטערצובעטען פאר פרויען און קינדער: ווארום עס וועט שוין באלד אָנקומען נאכט, און די ערד וועט זיך אָבקיהלען. און הייס געבען די קינדער מילך — זיי זיינען הונגעריג. דאָרט, פון ווייט האָבען מיר געהערט דאָס טרעטען פון פיעלע צעהנדליגע פיס: זיינען דאָס ניט סטאַדעס פון בהמות און ציגען, ביי וועלכע די אייטער הענגען אראָב פון מילך, און מען טרייבט זיי אהער אויף דיין בעפעהל?

דוד (הייזעריג): אָ, מיין גאָט, גאָט...

אשמדאי (שטיל צו שרה): געהט אוועק, שרה, דוד טהוט תפילה, שטערט איהם ניט אין זיין תפילה.

(שרה געהט אוועק אויך צושראָקען און פּאַרזיכטיג.)

דוד: האָב רחמנות האָב רחמנות!

(די הוזשעריי הינטער די פענסטער ווערט איינגעשטילט — ווערט דערנאָך מיט אמאָל רוישענד און דראָהענד: דאָס האָט שרה אָנגעזאָגט דעם פאָלק אז מען מוז נאָך ווארטען.)

דוד (פאַלט אויף די קניע): רחמנות. רחמנות.

אשמדאי (בעפעהלענד): שטעה אויף, דוד. זיי א מאַן פאַר דעם פּנים פונ׳ם גרויסען פּחד. האָסט דו דען זיי ניט גערופען אהער? האָסט דו דען ניט מיט דעם קול פון ליעבע הויך גערופען אין דער פינסטערנים און שווייגענהייט, וואו עס רוהט דער אונ־אויסגעשפּראָכענער פּחד? און אָט זיינען זיי געקומען צו דיר — צפון און דרום, מזרח און מערב, און מיט פיער ימים פון טרעהרען האָבען זיי זיך געלעגט נעבען דיינע פיס. שטעה דאָך אויף, דוד. (הייבט אויף דוד׳ן.)

דוד: וואָס־זשע זאָל איך טהון, נולליוס

אשמדאי: זאָג זיי דעם אמת.

דוד: וואָס־זשע זאָל איך טהון, נולליוס? זאָל איך ניט נעהמען א שטריק און, אויפהענגענדיג זיך אויף א בוים, דערווערגען זיך אזוי ווי דער, וואָס האָט אמאָל גע׳מסר׳ט? בין איך דען ניט א פעררעטהער, נולליוס, וועלכער רופט כדי ניט צו געבען, וועלכער ליעבט, כדי צו אומברענגען? אָ, ווי דאָס הארץ טהוט וועה... אָי, ווי דאָס הארץ טהוט וועה, נולליוס! אָי, קאַלט איז מיר ווי דער ערד, וואָס איז בעדעקט מיט אייז, און אינוועניג איז אין איהר הייץ און ווייסער פייער, אָי, נולליוס, האָסט דו געזעהען ווייסען פייער, אויף וועלכען די לבנה ווערט שווארץ און די זונן ווערט אָבגעברענט, ווי נעלע שטרוי.

(צאַפּעלט זיך.)

אוי, בעהאַלט מיך, נולליוס! איז דען ניטאָ א פינסטערער חדר, וואוהין קיין ליכט זאָל ניט אריינדרינגען? ? זיינען דען ניטאָ אזעלכע פעסטע ווענד, וואו איך זאָל ניט הערען דיזע קולות? וואוהין רופען זיי מיך? איך בין דאָך אן אלטער, קראַנקער מאַן;

איך קען זיך דאָך ניט מאַטערען אַזוי לאַנג — ביי מיר זיינען דאָך אַליין געווען קליינע קינדער, און זיינען זיי דען ניט געשטאַרבען? ווי האָט מען זיי גערופען, נוליוס, איך האָב פערגעסען. ווער איז דאָס דער, וועמען זיי רופען דוד, וואָס ערפרעהט מענשען?

אשמדאי: אַזוי האָט מען דיך גערופען, דוד לייזער. דוד ביזט אַבגענאַרט, לייזער דו ביזט אַבגענאַרט, אַזוי ווי איך.

דוד (בעטענדיג): אַי, שטעלט זיך דאָך איין פאַר מיר, הערר נולליוס. געהט צו זיי און זאָגט אין דער הויך, אַז אַלע זאָלען הערען: דוד לייזער איז אַן אַלטער, קראַנקער מענש, און ער האָט קיין זאַך ניט. זיי וועלען אייך הערען, הערר נולליוס, ביי אייך איז אַזאַ בכבוד'ער פנים, און זיי וועלען זיך צוגעהן אהיים.

אשמדאי: אַזוי, אַזוי, דוד! אַט זעהסט דו שוין דעם אמת און וועסט איהם באַלד זאָגען פאַר מענשען. ח-ח-חא! ווער האָט דאָס געזאָגט, אַז דוד לייזער קען שאַפען וואונדער?

דוד (לייגט צונויף די הענד): יא, יא, נולליוס.

אשמדאי: ווער וואָגט דאָס צו פאַדערען פון לייזער'ן נסים — איז ער דען אַליין ניט אַן אַלטער, קראַנקער מענש — אַ שטערבליכער אַזוי ווי אַלע?

דוד: יא, יא, נולליוס! אַ מענש.

אשמדאי: האָט דען לייזער'ן ניט אַבגענאַרט די ליעבע? זי האָט געזאָגט: איך וועל אַלעס מאַכען, און זי האָט בלויז אַ שטויב אויף'ן וועג אויפגעהויבען, אַזוי ווי דער בלינדער ווינד פון אַרום ווינקעל, וועלכער רייסט זיך אַרויס מיט אַ הוזשערייי און לייגט זיך איין שטיל, וועלכער בלענדעט די אויגען און צוריהרט די מיסט. דאַן געהט דאָך צו ד ע ם, וועלכער האָט דוד'ן געגעבען ליעבע, און פרעגט איהם: פאַר וואָס האָסטו אַבגענאַרט אונזער ברודער דוד'ן?

דוד: יא, יא, נולליוס. צו וואָס טויג אַ מענשען ליעבע, אַז זי איז מאַכטלאָז? צו וואָס לעבען, אויב עס איז ניטאָ קיין אונ־שטערבליכקייט?

אשמדאי (פלינק): געה אַרויס און זאָג זיי דאָס — און זיי

װעלען דיך הערען. זיי װעלען ערהויבען זייער קול צום הימעל — און מיר װעלען הערען דעם ענטפער פון הימעל, דוד. זאָג זיי דעם אמת, און דו װעסט די ערד ערהויבען.

דוד: איך גײה, נולליוס. און איך װעל זיי זאָגען דעם אמת— איך האָב קיין מאָל קיין ליגען געזאָגט. עפען די טהיר, נולליוס.

(אשמדאי צועפענט פלינק די טהיר צום באַלקאָן און לאָזט מיט העפליכקייט דורך דוד'ן, װעלכער געהט פערװעלקט, מיט לאַנגזאַמע, װיכטיגע טריט. ער פערמאַכט הינטער דוד'ן די טהיר. אַ פּלוצלונגעם רעװען, װעלכער פערבייט זיך באַלד מיט אַ שטילקייט פון קבר, דורך װעלכער עס הערט זיך דוד'ס ציטערנדע שטימע. אַ בעגייסטערטער צאַפּעלט זיך אשמדאי.)

אשמדאי: אַ! דו האָסט מיך ניט געװאָלט הערען — דאַן הער זיי. אַ! דו האָסט מיך געצװאונגען קריכען אויף'ן בויך, אַזוי װי אַ הונד. דו האָסט מיר אפילו ניט ערלויבט אַ קוק טהאָן אין שפּאַלט... מיט שװייגען האָסט דו אָבגעלאַכט פון מיר... מיט אונ־בעװעגליכקייט, האָסט דו מיך דער'הרג'עט... דאַן הער זשע... און ענטפער צוריק אויב דו קענסט. דאָס רעדט מיט דיר ניט דער טייפעל, ניט דער זוהן פון מאָרגענשטערען הויבט דאָס אויף זיין דרייסטען קול — דאָס איז דער מענש, דאָס איז דיין געליעבטער זוהן, דיין דאגה, דיין ליעבע, דיין צערטליכקייט און דיין שטאָלצע האָפענונג... ער קנייטשט זיך דאָס אונטער דיין פּיאַטע, אַזוי װי אַ װאָרעם! נו? דו שװייגסט? בעלאַיג איהם מיט'ן דונער, נאַר איהם אָב מיט בליצען, װי אונטערשטעהט ער זיך צו קוקען אין הימעל? זאָל ער אויך אַזוי װי אשמדאי!.... (קרעכצט פון הארצ־װעה) ... װי דער אָרעמער ערניעדריגטער אשמדאי, װעלכער קריכט אויף'ן בויך אַזוי װי אַ הונד... (מיט רוגזה) זאָל װידער אװעקקריכען דער מענש אין זיין פינסטערע נאָרע, זאָל ער פערפּוילט װערען אָהן לשון, זאָל ער זיך בעגראָבען אין חשך, װאו עס רוהט די אונ־אויסגעשפּראָכענע אימה!

(הינטער די פענסטער װידער אַ רעװען פון פיעלע קולות.)

אשמדאי: דו הערסט? (מיט חוזק) — דאָס איז ניט איך—

דאָס זיינען זיי. זעקס, אכט, צוואנציג — ריכטיג! ביים טייפעל איז תמיד ריכטיג.

(עס צועפענט זיך די טהיר און עס לויפט אריין דוד דורכאויס א צושראָקענער. נאָך איהם רייסט זיך אריין אזוי ווי א כוואַליע דאָס געשריי. דוד פערשפּאַרט די טהיר און שפּאַרט זי אונטער מיט׳ן פּלייצע.)

דוד: העלפט, נולליוס. זיי ווע׳לען זיך באַלד אריינרייסען אהער — די טהיר איז אזוי ניט פעסט; זיי ווע׳לען זי צוברעכען.

אשמדאי: וואָס זאָגען זיי?

דוד: זיי גלויבען ניט, נולליוס. זיי פאָדערען א נס. אָבער שרייען דען טויטע? — איך האָב געזעהן די טויטע, וועלכע זיי האָבען געבראַכט.

אשמדאי (מיט רוגזא): דאַן בעלאַיג זיי, דוד!

(דוד געהט אָב פון טהיר און רעדט געהיימניספול מיט פערלעגענהייט און מיט פּחד.)

דוד: איהר ווייסט, נולליוס, מיט מיר קומט עפּעס פאָר: איך האָב קיין זאַך ניט, נור אָט בין איך ארויסגעגאַנגען צו זיי, אָט האָב איך זיי דערזעהן און האָב פּלוצלונג דערפיהלט, אז דאָס איז ניט אמת — איך האָב עפּעס יא, איך רייד — און אַליין גלויב איך ניט, איך רייד — און אַליין שטעה איך מיט זיי און שריי געגען זיך גופא און פאָדער מיט רוגזא. מיט די ליפּען לייקען איך, און מיט׳ן הארצען פערשפּרעך איך, און מיט די אויגען שריי איך: יא, יא, יא, — וואָס־זשע זאָל איך טהאָן, נולליוס? זאָגט, איהר ווייסט דאָך אויף זיכער: האָב איך גאָרנישט?

(אשמדאי שמייכעלט. הינטער׳ן טהיר פון רעכטס הערט זיך שרה׳ס קול און א קלאַפּען.)

שרה: לאָזט מיך אריין, דוד.

דוד: א, עפענט ניט די טהיר, נולליוס.

אשמדאי: דאָס איז דיין פרוי, שרה.

(ער עפענט. קומט אריין שרה, פיהרענדיג פאַר׳ן האַנד א בלייכע פרוי, וועלכע האַלט וואָס אויף די הענד.)

שרה (ווייך): פערצייהעט, דוד. אָבער דיזע פרוי זאָגט, אז זי קען מעהר ניט וואַרטען. זי זאָגט, אז ווען עס וועט נאָך איין ווײלע דויערען, וועט זי אין דעם לעבעדיג געוואָרענעם ניט דער־קענען שוין איהר קינד. אויב איהר דאַרפֿט וויסען דעם נאָמען, האָט מען איהם גערופען משה, דער קליינינקער משה. א שווארצינ־קער, איך האָב געזעהן.

פרוי (פאַלענדיג אויף די קניע): פערצייהעט, דוד, וואָס איך נעהם אָב די רייהע פון אנדערע. אָבער דאָרט זיינען פאַראַן אזעלכע, וועלכע זיינען ערשט ניט לאַנג געשטאָרבען, און איך טראָג איהם שוין דריי טעג און דריי נעכט ביי מיין ברוסט. אפשר דאַרפט איהר אויף איהם א קוק טהאָן? דאַן וועל איך איהם אויפדעקען — איך נאָר אייך דאָך ניט, דוד.

שרה: איך האָב שוין געקוקט, דוד. זי האָט מיר איהם געגעבען צו האַלטען. זי איז זעהר מיעד, דוד.

(אויסשפרייטענדיג די הענד מיט די לאַדאָניעס פאַראויס, טרעט דוד לאַנגזאַם אָב צוריק הינטערוויילעכס, ביז וואַנען ער שטויסט זיך ניט אָב אָן וואַנד, און ער בלייבט אזוי שטעהן מיט אויסגעצויגענע הענד.)

דוד: רחמנות! רחמנות!

(ביידע פרויען וואַרטען געדולדיג.)

דוד: וואָס זשע זאָל איך טהאָן? איך בלייב אָהן כחות, אָ, נאָט. נולליוס, זאָגט זיי, אז איך בין ניט קיין מחיה מתים.

פרוי: איך בעט אייך רחמים, דוד. בעט איך דען, אז איהר זאָלט לעבעדיג מאַכען צוריק אַן אַלטען מענשען, וואָס האָט שוין פיעל געלעבט און האָט פערדיענט דעם טויט מיט זיינע שלעכטע מעשים? פערשטעהע איך דען ניט, ווּעמען מען קען לעבעדיג מאַכען און וועמען מען קען ניט? אָבער עס קען זיין, אז אייך איז שווער, ווייל ער איז געשטאָרבען שוין אזוי לאַנג — איך האָב דאָס ניט געוואוסט — זייט מיר מוחל. און איך האָב איהם דאָך פערשפּראָכען ווען ער איז געשטאָרבען: האָב ניט מורא צו שטאַרבען, משה, —

דוד, דער ערפרעהער פון מענשען, וועט דיר צוריקקעהרען דיין קליינינקעס לעבען.

דוד: ווייז מיר איהם.

(קוקט שאקלענדיג מיט'ן קאפ און ווייגט שטיל. ווישענדיג זיך מיט דער פאטשיילקע. און פערטרויליך, אנגעלעהנט אויף זיין פלייצע, קוקט שרה.)

שרה: ווי אלט איז ער?

פרוי: צוויי יאהר געווארען, שוין דאס דריטע.

(דוד גיט א קעהר זיך מיט'ן פערוויינטען פנים צום אשמדאי, דאס געזיכט כמעט וואהנזיניג און רעדט מיט א פרעמדען קול.)

דוד: זאל איך אפשר פרופען, נולליוס? (בויגט זיך צונויף פלוצלונג און שרייט הייזעריג) אדוני.... אדוני... אדוני... אוועק פון דאנען! אוועק! דיך האט געשיקט דער טייפעל. זאג זיי דאך, נולליוס, אז איך בין ניט קיין מחיה מתים. זיי זיינען געקומען חוזק מאכען פון מיר... זעהט, אן לאכען זייביידע. ארויס פון דאנען, ארויס!

אשמדאי (צו שרה'ן שטיל): געהט ארויס, שרה, און פיהרט אוועק די פרוי. דוד איז נאך ניט אין גאנצען פארטיג.

שרה (שעפצעט): איך וועל זי אוועקפיהרען צו זיך. דאן זאגט דוד'ן, אז זי איז אין מיין צימער. (צו דער פרוי) לאמיר געהן, פרוי, — דוד איז נאך ניט אין גאנצען פארטיג.

(זיי געהען אוועק. דוד לאזט זיך אראב אן אויסגעמאטערטער אין שטוהל און לאזט קראפטלאז אראב זיין גרויען קאפ און שעפצעט עפעס שטיל.)

אשמדאי: זיי זיינען אוועק, דוד. איהר הערט, זיי זיינען אוועק.

דוד: איהר האט געזעהן, נולליוס: דאס איז געווען א טויטעס קינד! משה... נו, יא, משה, א שווארציגקער, מיר האבען איהם געזעהן.... (הויך. מיט פערצווייפלונג) וואס זשע זאל איך טהאן? לעהרענט מיך, נולליוס.

אשמדאי (פלינק): לויפען.

(הערט זיך צו צו דעם וואָס טהוט זיך הינטערן פענסטער, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ צושטימיג און לאַנגזאַם; מיט דער פאַר־זיכטיגקייט פון א פערשווערער געהט ער צו נאָהענט צו דוד'ן; און מיט צונויפגעלייגטע הענד, ווי אין א געבעט, מיט א צוטראָגענעם, פערטרויליכען שמייכעל, וואַרט דוד ביז ער קומט צו. זיין רוקען איז אויסגעבויגען, ווי ביי אן אלטען מאַן, ער נעהמט אָפּט ארוים זיין רויטע פאַטשיילקע, אָבער ווייס ניט וואָס מיט איהר צו טהאָן.)

אשמדאי (שעפּצעט היציג): לויפען, דוד, לויפען!

דוד: יא, יא, נולליוס — לויפען!

אשמדאי: איך וועל דיך בעהאַלטען אין א פינסטערען צימער, פון וועלכען קיינער וויים ניט; און ווען זיי וועלען איינ־שלאָפען, מיעד געוואָרענע פון וואַרטען און פון הונגער, וועל איך דיך דורכפיהרען צווישען די שלאָפענדע און וועל דיך ראַטעווען.

דוד (מיט שמחה): יא, יא, ראַטעווע מיך!

אשמדאי: און זיי וועלען וואַרטען. שלאָפענדיגע וועלען זיי וואַרטען און זיי וועלען חלום'ן חלומות פון גרוסע ערוואַרטונגען, — און דו ביזט שוין ניטאָ!

דוד (שאָקעלט א דערפרעהטער מיט'ן קאָפּ): און איך בין שוין ניטאָ, נולליוס! איך בין שוין אנטלאָפען, נולליוס! (צולאַכט זיך).

אשמדאי (לאַכענדיג): און דו ביזט שוין ניטאָ! דו ביזט שוין אנטלאָפען! זאָלען זיי דאַן דאָך טענה'ן צום הימעל.

(קוקען איינער אויף'ן אנדערען, און לאַכען.)

אשמדאי (פריינדליך): טאָ וואַרט דאָך אויף מיר, דוד. איך וועל גלייך ארויסגעהן און וועל א קוק טהאָן: צו איז פריי דאָס הויז. זיי זיינען דאָך אַזעלכע פערריקטע.

דוד: יא, יא, גיב א קוק. זיי זיינען דאָך אַזעלכע פערריקטע! און איך וועל זיך דערווייל פאַרטיג מאַכען, נולליוס... אָבער איך בעט דיך, לאָז מיך ניט אויף לאַנג איינעם אליין.

(אשמדאי געהט ארויס. פאַרזיכטיג אויף, די שפּיץ פינגער געהט דוד צו צום פענסטער און וויל ארויסקוקען, אָבער ענט־שליסט זיך ניט; געהט צום טיש, אָבער שרעקט זיך פאַר די צוואוואָרפענע פּאַפּירען און היטענדיג זיך ניט ארויפצוטרעטען אויף וועלכע פון זיי, אזוי ווי ער וואָלט טאַנצען צווישען שווערדען, דערקלייבט ער זיך צום ווינקעל, וואו עס הייגגען זיינע בגדים; שנעל, פּלאָנטערנדיג די קליידער, הויבט ער זיך אָן אָנטהאָן. ווייס אַ לאַנגע צייט ניט וואָס ער זאָל טהאָן מיט זיין באָרד, און טרעפט ענדליך ווי צו טהאָן און הויבט זי אָן ארייגשטופּען אונטער די לאַצען פון זיין זשופּיצע, בעהאַלטען אונטער'ן קאָלנער.)

דוד (פּלאַפּעלט): נו, יאָ, מען דאַרף בעהאַלטען דעם באָרד. אלע קינדער קענען מיין באָרד. נור פאַר וואָס האָבען זיי איהם ניט אויסגעריסען? אזוי; אזוי; דעם באָרד.... אָבער וואָס פאַר אַ שווארצע זשופּיצע. נישטקשה, נישטקשה, וועסט איהם פערדעקען! אזוי! אזוי! ביי רויזען איז געווען אַ שפּיגעל... אָבער רויזע איז אנטלאָפען, און נחום איז אויך געשטאָרבען, און שרה... אָך, נו וואָס קומט ניט נולליוס. הערט ער דען ניט ווי זיי שרייען?

(אַ פאַרזיכטיגער קלאַפּ אין טהיר.)

דוד (צושראָקען): ווער איז דאָרט? ניטאָ דאָ דוד לייזער.

אשמדאי: דאָס בין איך, דוד, לאָז אריין. (ער קומט אריין).

דוד: נו, ווי, נולליוס — ניט אמת, אז מען קען מיך שוין מעהר ניט דערקענען?

אשמדאי: זעהר גוט, דוד. אָבער איך ווייס ניט, ווי מיר וועלען ארויסגעהן: שרה האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז מיט געסט: אין יעדען צימער, וואו איך בין נישט אריין, וואַרטען אויף אייך מיט אָן אנגענעהמען שמייכעל בלינדע, צוקאַליעטשעטע; עס זיינען פאַראַן אויך שטאַרבענדע און עס זיינען פאַראַן שוין גאָר געשטאָרבענע, דוד. אייער שרה איז אַ גרויסאַרטיגע פרויענצימער, זי איז אָבער צופיעל אַ בעל־הבית'טע, דוד, און זי האָט בדעה צו מאַכען אַ שעהנע ווירטהשאַפט פון נסים.

דוד: אָבער זי וועט זיך ניט אונטערשטעהן, נולליוס!

אשמדאי: פיעלע שלאָפען שוין נעבען אייערע טהירען און שמייכלען אין חלום — זעלבסט - זיכערע, גליקליכע, וואָס זיי האָבען געקענט איבעריאָגען די איבעריגע... און אין הויף און אין גאָרטען...

דוד (מיט שרעק): וואָס, נאָך אין הויף אויך?

אשמדאי: שטיל, דוד, קוקט און הערט.

(ער לעשט אין צימער די ליכט, ציהט פונאַנדער דערנאָך די פאָרהאַנגען מיט אימפּעט: די פיער עקען פון די פענסטער גיסען זיך אָן מיט א רויכיג־רויטען, קנויליגען שיין; אין צימער איז פינסטער, נור אַלעס איז וויים — דוד׳ס קאָפּ, די צוואוואָרפענע שטיקער פּאַפּיר, בעפּארבען זיך מיט א שוואכען בלוט־רויטען קאָליר. און די משונה׳דיגע, רויכיג - רויטע שאָטענס בעוועגען זיך שווייגזאַם איבער׳ן באַלקען; מאַכען מיט די הענד, שטויסען זיך צונויף, פערפלעכטען זיך פּלוצלונג אין א לאַנגער זאַמלונג, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען לויפען שנעל, אָדער עפּעס איבערגעבען זיך אַ ווילדען און שרעקליכען טאַנץ. און פון דער טיעפער ווייטקייט קומט אָן א נייע, נאָך ניט געהערטע הוזשעריי, — ווען דער ים וואָלט ארויסגעהן פון די ברעגען און א רוק טהאָן זיך אויף דער יבשה, וואָלט ער אַזוי געדונערט: איינגעהאַלטען, ענטשלאָסען און דראָ־הענד.)

דוד (מיט א צושראָקענעם שעפּטשען): וואָס איז דאָס פאַר א פייער, נולליוס? מיך שוידערט!

אשמדאי אויך אַזוי שעפּצענדיג): די נאַכט איז א קאַלטע, האָבען זיי אָנגעצונדען שייטער־הויפענס. שרה האָט זיי געזאָגט, אַז עס איז נאָך לאַנג צו וואַרטען, און זיי האָבען פאַרגענומען מיטלען.

דוד: וואו זשע האָבען זיי גענומען געהילץ?

אשמדאי: האָבען וואָס עס איז צובראָכען. שרה האָט גע־זאָגט, אַז דו האָסט געהייסען צולייגען פייערס, און זיי זיינען

געהאַרכזאַם און ברענען וואָס פאַר אַ בוים נור זיי געפינען... און דאָרטען, דוד, ווייטער, נאָך ווייטער...

דוד (אין פערצווייפלונג): וואָס, נולליום? וואָס קען נאָך זיין ווייטער, נאָך ווייטער?

אשמדאי: איך ווייס ניט, דוד. נור פון אויבערשטען פענסטער, וועלכער איז ברייט צועפענט, האָב איך געהערט אזוי ווי דאָס רעווען פון'ם אָקעאַן אין צייט פון וואסער־צוקומען, ווען עס ציטערן די פעלזען פון וועהטאָג; אזוי ווי דאָס רעווען פון מעשענע טרו־מייטען האָב איך דערהערט, דוד — זיי שרייען צום הימעל און צו אייך און זיי רופען אייך... איהר הערט?

(אין דער איינגעהאַלטענער הוזשעריי און כאַאָס פון קולות, צייכענט זיך ארויס לאַנג־געצויגען: דאַ־אַ־וו־וויד, דאַ־אַ־ווי־יד, דאַ־אַ־אַ־ווי־יד.)

דוד: איך הער מיין נאָמען. ווער איז דאָס? וואָס דארפען זיי?

אשמדאי: איך ווייס ניט. אפשר ווילען זיי דיך קרוינען פאַר אַ מלך?

דוד: מיך?

אשמדאי: דיך, דוד לייזער'ן. עס קען זיין, אז זיי טראָגען מאַכט און הערשאַפט, און דעם כח וואונדער צו שאַפען — צו ווילסט דו ניט ווערען זייערער אַ גאָט, דוד? קוק און הער.

(ער צועפענט די פענסטער, און פלוצלונג אין די קנוילען פון פייערדיגען רויך ניסט זיך אריין ווייטע מוזיק מיט אַ מין זיעגרייכער און מעכטיגער כוואַליע — אַ קופּער־קלאַנג פון אַ מאַסע טרומייטען, וועלכע מען טראָגט אין הויך־געהויבענע הענד, וואָרום צו דער ערד און צום הימעל איז געווענדעט זייער רופענדער יאָמער. עס ווערען אַנטשווייגען די טרומייטען, אַ טופּעריי פון מאַרשירענדע חילות, דער יאָמער־רוף פון אונ־צעהליגע קולות: דאַ־אַ־ווי־יד, דאַ־אַ־ווי־יד — דאָס געהט איבער אין אַקקאָרדען, ווערט אַ געזאַנג. און ווידער טרומייטען און ווידער אַן איינגעעקשן'טער, מורא'דיגער און הערשערישער

צורוף: דאַ־אַ־ווי־יד, דאַ־אַ־ווי־יד! — — — —

ביי די ערשטע קלאַנגען פון די טרמוייטען, האָט דוד, אַבציהענדיג זיך, צוגעדריקט זיך צום וואנד. דלערנאָך טריט פאר טריט — אלץ דרייסטער — אלץ שנעלער — אלץ גלייכער — רוקט ער זיך צום פענסטער. קוקט אריין — און אַבשטויסענדיג דעם אשמדאי שטרעקט ער אויס ביידע הענד אנטקעגען די ארמעע פון דער ערד.)

דוד (רופט): אהער! אהער! איך בין מיט אייך!

אשמדאי (צומישט): וואָס? דו רופסט זיי? דו — רופסט — זיי? בעדיינק זיך, לייזער.

דוד (מיט כעס): שווייג, דו פערשטעהסט ניט. מיר זיינען מענשען און מיר וועלען געהן צוזאמען. (בעגייסטערט) און מיר וועלען געהן צוזאמען. אהער ברידער, אהער! זעה, נולליוס, זיי האָבען ערהויבען די קעפּ, זיי קוקען, זיי האָבען דערהערט. אהער, אהער!

אשמדאי: און דו וועסט מאכען נסים?

דוד (מיט כעס): שווייג — דו ביזט א פרעמדער. דו רעדסט ווי א שונא פון נאָט און פון מענשען. דו ווייסט ניט פון קיין רחמנות און פון קיין מיטלייד. מיר זיינען אויסגעמאַטערט געוואָרען, מיר זיינען מיעד געוואָרען — און די טויטע זיינען שוין מיעד געוואָרען צו ווארטען. אהער — און מיר וועלען געהן צוזאמען. אהער!

אשמדאי (קוקט זיך איין): צו ניט בלינדע ווייזען זיי דאָס דעם וועג?

דוד: פאר ועמען זשע איז נויטיג דאָס זעהן, אויב ניט פאר די בלינדע? אהער, בלינדע!

אשמדאי (איינקוקענדיג זיך): צו ניט אָהן־פיסיגע שניידען דאָס א וועג און שלינגען דעם שטויב?

דוד: פאר וועמען זשע דארף זיין א וועג, אויב ניט פאר די אָהן־פיסיגע? אהער, צוקאַלעטשעטע!

אשמדאי (איינקוקענדיג זיך): צו טראָגען זיי דאָס ניט טויטע אויף טרעגערס, וויגענדיג זיך מעסיג? קוק זיך איין, דוד,

און האָב דעם מוטה צו זאָגען: אהער, צו מיר. איך בין דער, וואָס איז מחיה מתים.

דוד (געפּלאָגט): דו ווייסט ניט פון קיין ליעבע, נולליום.

אשמדאי: איך בין דער, וועלכער קעהרט צוריק דאָס זעהן צו די בלינדע. (הויך, אין פענסטער) אהער! איהר פעלקער פון דער ערד, וועלכע מאָנט גאָט, קומט זיך צוזאמען אלע צו די פיס פון דוד'ן — דאָ איז ער!

דוד: שטיל!

אשמדאי: עי, אהער! בייגקענדע מוטערס — פאָטערס, וואָס האָבען פערלאָרען דעם זינען פון יסורים — ברידער און שוועסטער, וואָס פרעסען אויף איינע די אנדערע, געמאַטערטע פון הונגער.... אהער, צו דוד'ן, דעם ערפרעהער פון מענשען.

דוד (אָנכאַפּענדיג איהם פאַר'ן פּלייצע): זייט איהר פון זינען אראָב, נולליום? זיי קענען דאָך דערהערען און אריינרייסען זיך אהער — וואָס טהוט איהר, בעטראַכט נור, נולליום.

אשמדאי (שרייט): איך רופט דוד!

דוד (שלעפּט איהם מיט געוואַלד אָב פון פענסטער): שוויינ, איך וועל דיך דערווערגען, אויב דו וועסט אויסשרייען נאָך איין וואָרט. הונד איינער!

אשמדאי (רייסט זיך ארויס): דו ביזט דום, ווי דער מענש. ווען איך רוף דיך אנטלויפען, פערשליסט דו מיך. ווען איך רוף צו ליעבען — ווערגסט דו מיך. (פערעכטליך) מענש!

דוד (שוואך ווערענדיג): אַי, ברענגט מיך ניט אום, הערר נולליום. אַי, זייט מיר מוחל, אויב איך האָב אייך בייז געמאַכט, איך אַלטער, נאַרישער מענש, וואָס האָב דעם זינען פערלאָרען. אָבער איך קען דאָך ניט, איך קען דאָך ניט מאַכען קיין נסים.

אשמדאי: לאָמיר לויפען.

דוד: יא, יא, לאָמיר לויפען. (אונפערטרויליך) אָבער וואַר־הין? וואוהין ווילט איהר מיך פיהרען, נולליום? איז דען פאַראַן א פּלאַץ אויף דער ערד, וואו עס זאָל ניט זיין.... (געמאַטערט) גאָט?

אשמדאי: צו גאָט וועל איך דיך פיהרען.

דוד: איך וויל נים. וואָס וועט מיר גאָט זאָגען? און וואָס וועל איך גאָט ענטפערען? און בעדענקט דאָך, נאָלליוס, סען איך דען איצט לכל הפחות וואָס ניט איז ענטפערען גאָט?

אשמדאי: אין מדבר וועל איך דיך אוועקפיהרען. מיר וועלען פערלאָזען די אַלע בייזע און זינדיגע מענשען, וועלכע זיינען בעפאַלען מיט א בייסונג פון יסורים און זיי וואַרפען איין קלעצער און צאַהמען ווי חזרים, וואָס קראַצען זיך.

דוד (אונענטשלאָסען): אָבער זיי זיינען דאָך מענשען, נולליוס.

אשמדאי: זאָג זיך אָב פון זיי — און א ריינער ערשיין פאַר גאָט אין דעם מדבר. זאָל א שטיין דיין פריינד זיין, זאָל דער יאָמערנ־דער שאַקאַל דיין פריינד זיין, זאָלען בלויז הימעל און זאַמד הערען די תשובה־קרעכצען פון דוד'ן — קיין איין פלעקעלע פון פרעמדע זינד וועט זיך ניט ווייזען אויף דעם זויבערען שנעע פון דיין נשמה. ווער עס בלייבט מיט קרעץ־בעפאַלענע, יענער ווערט אַליין קראַנק פון קרעץ — און נור אין איינזאַמקייט וועסט דו גאָט דערזעהן. אין מדבר, דוד, אין מדבר!...

דוד: איך וועל תפלה טהאָן.

אשמדאי: דו וועסט תפלה טהאָן!

דוד: איך וועל פייניגען דעם גוף מיט תענתים!

אשמדאי: דו וועסט פייניגען דעם גוף מיט תענתים!

דוד: איך וועל שיטען אַש אויף מיין קאָפּ.

אשמדאי: צו וואָס? אַזוי טהוען אונגליקליכע. דו וועסט אָבער גליקליך זיין, דוד, אין דיין צדקות. אין מדבר, דוד, אין מדבר!

דוד: אין מדבר, נולליוס, אין מדבר.

אשמדאי (שנעל): לאָמיר לויפען. עס איז דאָ א קעלער, פון וועלכען קיינער וויים ניט. דאָרט וועלגערען זיך אַלטע פעסער און עס שמעקט מיט שנאַפּס, און איך וועל דיך בעהאַלטען דאָרט. און ווען זיי וועלען איינשלאָפען — — — —

(זיי לויפען שנעל ארוים. אין צימער איז אונאָרדנונג

און שטיל. און אין׳ם אפענעם פענסטער רייסען זיך ווידער אריין די קולות פון די מעשענע טרומייטען, קלאנג און יאמער פון דער ערהויבענער ערד: דא־א־ווי־יד. און מיט פערבוינטע בלעטער, אזוי ווי א הויז, וועלכעס פאלט איין, מיט די טאוולען ארויף ליגט דער תנ״ך.)

(פארהאנג פאלט לאנגזאם.)

זעקסטעס בילד.

די גאַנצע נאַכט און אַ טהייל פון פאָלגענדען טאָג האָט זיך דוד לייזער בעהאַלטען אין אַ מינע, וואוהין דער אשמדאי, וועלכער וויים אַלע ווילדע פּלעצער, וואָס זיינען ניט צוגענגליך פאַר די אויגען, האָט איהם געבראַכט. צו אָבענד אָבער זיינען זיי, לויט דער עצה פון אשמדאי, ארויס פון זייער בעהעלטעניס אויף'ן גרויסען שליאַך און זיינען אַוועק אין דער ריכטונג פון מזרח־זייט; אָבער דער ערשטער מענש, וועלכער האָט בעגעגענט דוד'ן, האָט איהם דערקענט, וואָרום ער האָט געהאַט שוין אַזאַ גרויסען שם, אַז עס איז ניט געווען קיין פרוי, קינד אָדער ערוואַקסענער מאַן, וועלכע זאָלען איהם ניט קענען, ענטוועדער פון אליין זעהען איהם אָדער פון די שילדערונגען. דערקענענדיג דוד'ן האָט דער מאַן אָנגעהויבען שרייען פון שמחה און איז אַוועקגעלאָפּען צום שטאָדט, אָנזאָגענדיג די פרעהליכע בשורה, אַז דער פערלאָרענער האָט זיך אָבגעפונען. און אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָבען שוין אונצעהליגע חילות פון אָרימעליים, וועלכע האָבען בעלאַגערט דוד'ס הויז און זיינען שוין כמעט געווען פערצווייפעלט, אַוועקגעלאָזען זיך נאָכיאָגען איהם; צו זיי זיינען צוגעשטאַנען די מענשען, וואָס וואַנדערן אויף די גרויסע וועגען און פון די דערפער און אַלע וואָס זוכען גאָט. רעכענענדיג, אַז דוד איז אַנטרונען פון פאָלק ניט לויט זיין אייגענעם רצון און פערלאַנג, נור איז געפאַנגען געוואָרען פון דעם פירסט פון פינסטערנים און שרעק, האָבען זיך די מאַסען פריינד פון דוד'ן ענטשלאָסען ארויסצורייסען איהם פון זיין פאַנגער און פאָרלעגען איהם די מלוכה איבער אַלע אָרימע פון דער וועלט.

אָבער דוד, אַ דערשראָקענער פון די קולות פון די נאָכיאָגער, איז צוגעפאַלען צום אשמדאי און בעט איהם רעטונג אָדער

טויט. און אשמדאי האָט זיך אָבגעקירעוועט פון גרויסען שליאך און פיהרט דוד'ן אין א נעץ פון קליינע שטעגלעך, וועלכע האָבען אָן אָנהייב, אָבער זיינען אָהן א סוף,, וואָרום זיי זיינען געדרעהט. עס איז ניט געוועזען קיין אויסגאַנג, און דוד האָט זיך שוין אָנגעהויבען מיאש צו זיין, ווען דער כיטרער אשמדאי האָט ענדליך אוועקגעוואָרפען די אָבנאַרענדע שטעג־לעך. און אָט זיינען זיי אוועק גלייך נאָך דעם רויש פון ווייטען ים, האָפענדיג, אז זיי וועלען קריגען ביי די פישער א שיפעל און וועלען זיך רעטען אָדער אומקומען אין די כוואַליעס. און נאָך א נאַכט, און נאָך א טאָג האָבען זיי געבלאָנדזשעט, און דוד איז געבליבען אָהן כחות פון מיעדקייט: וואָרום געגאַנגען זיינען זיי גלייך און האָבען בעגעגענט אויפ'ן וועג פיעל הויכע צאַמען, שטראָמען, טיעפע טהאָלען און אנדערע שטערונגען. די זון איז שוין געווען נאָהענט צום אונטערגעהן, ווען זיי זיינען אראָבגעקראָכען דעם לעצטען האַלב־צובראָכענעם צאַם און זיינען צוגעקומען צום ברעג פון ים. א דערשראָקענער איז געוואָרען דוד: דאָס איז געווען א הויכער פעלז־אברים, פון וועלכען עס איז קיין אראָבגאַנג ניט געווען, און אין דער־זעלבער צייט איז דאָס געווען אזוי נאָהענט פון שטאָדט, אז מען האָט געקענט זעהען די ניט־קלאָרע אָבצייכנונג פון די בנינים.

און דאָס זעקסטע בילד איז אזא: פון דעם לינקען ווינקעל פון דער ביהנע ציהט זיך ארויף און פערקירעוועט זיך צורעכט א געבראָכענע ליניע פון דעם פעלז־אברים; אונטער צו לינקס איז דער אונרוהיגער ים, וועמעס האָריזאָנט עס ערהויבט זיך הויך. פון דער רעכטער זייט אראָב בארג ציהט זיך א האַלב־חרוב'דיגער געמויערטער צאַם, מיט צושאָטענע שטיינער; אהינטער דעם צאַם א געדיכטער, פערלאָזענער גאָרטען — צווישען די בוימער זיינען צוויי הויכע, שוואַרצע ציפּרעסען.

דער שטורם האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבען, נור ווי דער

ים אזוי דער הימעל זיינען שוין פערטיג אויפצונעהמען איהם. דער ים איז פינסטער און ערטערווייז אין גאנצען אהן גלאנץ און אזוי ווי פערזונקען אין נאכט; אין אנדערע פלעצער שאקעלט זיך דאס וואסער מיט א העלישען שיין, אזוי ווי טויזענדער שלאנגען, בלישצענדיג מיט זייערע פייכטע, קאלטע שופען, שפיעלען זיך מיט אנאנדער און פאטשענדיג מיט די עקען, הויבען זיי אויף שפריצען, מאכען א רויש און זשיפען איינגעהאלטענערהייט. און איבער'ן הימעל וואַרפען זיך צונויף מאסען שווערע, שווארצע, אזוי ווי צושראקענע וואלקענס. געיאגטע פון העכערן ווינד יאגען זיי אריבער מיט זייער שנעלער בעוועגונג די דונקעל־רויטע זון, וועלכע זינקט ארונטער, גלייכמעכטיג און שווער, אהינטער דער ליניע פון האריזאנט. קוים וואס זי זעהט זיך דורך דעם געדיכטען פארהאנג פון די וואלקענס און נור ווייל־ווייז שרעקט זי די ערד און דעם ים מיט קורצע בליקען פון בלוט־אנגעלאפענע אויגען — אזוי ווי א ריעז, וואס האט זיך אנגעגעסען מיט לעבעדיגע פלייש און אנגעטרונקען מיט לעבעדיגעם בלוט און געהט שלאפען א זאטער, נור קוקט זיך נאך אלץ אום און זוכט.

אויף דער ערד איז נאך שטיל, נור די בוימער אהנען שוין דעם ווינד, וועלכער ערהויבט זיך מיט דער נאכט, און ציטערן מיט זייער בלעטער, אזוי ווי זיי וואלטען אינערליך שעפצען שטיל; און בלויז די שווארצע ציפרעסען, גאנץ אין אלע טהיילען — זיינען אונבעוועגליך און שווייגזאם און בעהאלטען שטארק דעם פייף פון ווינד אין זייערע שארפע שפיצען.

(ווען דער פארהאנג עפענט זיך, איז אויף דער ביהנע לעדיג, דערנאך קלעטערט אריבער איבער'ן צאם אשמדאי און העלפט אריבערקריכען דוד'ן, וועלכער בעוועגט זיך קוים פון שוואכקייט. זייערע שווארצע, ברייטע בגדים זיינען פער־שמירט און ערטערווייז צוריסען; אויפ'ן וועג האבען זיי ביידע פערלארען זייער היטלען און דוד'ס גרויע האר זיינען

אויפגעהויבען אויף זיין קאָפּ, אזוי ווי דער ווייסער שוים פון די כוואַליעס, וואָס שלאָגען זיך צום פעלז.)

אשמדאי: גיכער, גיכער, דוד! זיי יאָגען זיך נאָך אונזערע טריט. דאָ אין שווארצען גאָרטען, וואו עס איז אזוי שטיל, האָב איך געהערט דעם ווייטען רויש פון יענער זייט — אזוי ווי דאָרט וואָלט זיין נאָך אַ ים. גיכער, דוד!

דוד: איך קען ניט, נולליוס. לעגט מיך דאָ אוועק, איך זאָל שטאַרבען.

אשמדאי: שטעלט אהער אַ פוס, אָט אויף דעם שטיין. פאַרזיכטיג.

דוד: פאַר מיינע אויגען זיינען שטעגעלעך, וואָס דרעהען זיך און דרעהען זיך און ברענגען צו אַ וואַנד. און ווייטער זיינען ווענד אין דעם פינסטערען טהאָל, וואו עס ליעגט אַ גע'פגר'ט, אַנגעשוואָלען פערד... וואוהין זיינען מיר דאָס געקומען, נולליוס?

אשמדאי: מיר זיינען ביים ים. מיר וועלען נעהמען ביים פישער אַ שיפעל און מיר וועלען זיך איבערגעבען די כוואַליעס — איהר וועט גיכער געפינען מיטלייד ביי די משוגענע כוואַליעס, דוד, איידער ביי מענשען, וואָס זיינען פון זינען אראָב.

דוד: יא, בעסער שטאַרבען. (ליינט זיך ביים צאָהם) מיר איז אכט און פונפציג יאָהר, נולליוס, און מיר איז נויטהיג אָברוהען זיך... אָבער ווער איז דאָס געוועזען דער מאַן, וועלכער האָט אונז בעגעגענט אויף'ן ברייטען שליאַך און האָט זיך אזוי שרעקליך דערפרעהט און אוועקגעלאָפען מיט אַ געשריי: אָט איז דוד, דער ערפרעהער פון מענשען? פון וואַנען קען ער מיך? איך האָב איהם קיינמאָהל ניט געזעהן.

אשמדאי (מאַכט זיך, ווי ער וואָלט בעקוקען דעם באַרג): איהר האָט אַ שם, דוד... זאַנדערבאַר: איך געפין ניט קיין אראָבגאַנג.

דוד (פערמאַכט די אויגען): די ציפּרעסען זיינען שווארץ געוואָרען — צו נאַכט וועט זיין אַ ווינד, נולליוס. מיר האָבען געדאַרפט בלייבען אין דער שטיין־גרוב: דאָרטען איז פינסטער און שטיל, איך בין דאָרט געשלאָפען, ווי אַ מענש מיט אַ ריינעם געוויי־

סען. (בייזלעך) נו, וואָס זשע שווייגסט דו, נולליום? אָדער איך זאָל ריידען איינער אַליין, אַזוי ווי איך וואָלט שוין געווען אין מדבר?

אשמדאי: איך זוך.

דוד (אונצופריעדען): נו, וואָס זוכסט דו דאָרטען? מיר האָבען שוין היינט גענוג געזוכט און געשפּרונגען, אַזוי ווי געלעה־רענטע הינד. איך האָב זיך געשעהמט, נולליום, ווען איך האָב נעקלעטערט איבער'ן צאַהם, ווי אַ קליינער אינגעל, וואָס גנב'עט עפּעל. קומט אַקאָרשט אַהער און דערצעהלט וואָס וועגען אייערע נסיעות. איך בין צו מיעד, אַז איך זאָל קענען שלאָפען.

אשמדאי: שלאָפען וועט ניט אויסקומען, דוד. (געהט צו) דאָ איז ניטאָ קיין אראָבגאַנג צום ים.

דוד: נו, איז וואָס? זוכט אין אַן אַנדער פּלאַץ.

אשמדאי (שטרעקט אויס זיין האַנד אין דער ריכטונג צום שטאָדט): קוקט זיך איין, דוד — וואָס איז דאָס דאָרט דאָס ווייסע?

דוד (אויפהויבענדיג זיין קאָפּ): איך זעה ניט.

אשמדאי: דאָס איז די שטאָדט, וועלכע ערוואַרט דיך. און איצט הער זיך צו: וואָס הוזשעט דאָס דאָרט אין־דער־ווייט?

דוד (הערט זיך צו): דאָס... נו, נולליום, דאָס איז געוויס דער ווידערקלאַנג פון די ים־כוואַליעס.

אשמדאי: ניין, דאָס זיינען מענשען, דוד; זיי וועלען באַלד קומען אַהער און וועלען פאָדערען פון דיר נסים, און וועלען דיר פאַרלייגען די מלוכה איבער די אָרעמעלייט פון דער ערד. ווען מיר האָבען זיך בעהאַלטען הינטער די שטיינער, האָב איך געהערט, ווי צוויי מענשען, וועלכע האָבען זיך געאיילט צום שטאָדט, האָבען גערעדט, אַז דו ביזט גערויבט געוואָרען פון אימיצען אַ בייזען און אַז מען דאַרף דיך אָבנעהמען פון דעם רויבער און געבען דיר אַ מלוכה.

דוד: וואָס בין איך, ניט קיין קראַנקער, אַלטער איד, נור אַ שטיק גאָלד, וואָס מען זאָל מיך רויבען? הערט, נולליום, איהר פּלוידערט, אַזוי ווי יענע... איך וויל שלאָפען.

אשמדאי (אונגעדולדיג): אָבער זיי געהען דאָך אַהער.

דוד: נו, זאָלען זיי געהן. זאָגט זיי אַז דוד איז איינגעשלאָפען און וויל ניט מאַכען קיין נסים. (לייגט זיך אַוועק בעקוועם צו שלאָפען).

אשמדאי: בעדענקט זיך נור, דוד.

דוד (פּער'עקשן'ט): יאָ. ער וויל ניט מאַכען קיין נסים. אַ גוטע נאַכט, נולליוס. איך בין אַלט און האָב פיינט צו פּלוידערן וועגען פּוסטע זאַכען.

אשמדאי: דוד! (דוד ענטפערט ניט; שלאָפט איין, אונ־טערליינענדיג בײדע הענד צוקאָפּענס) שטעהט אויף דוד. מען איז אַהער געקומען. (שטורכעט בייז דעם איינגעשלאָפענעם) שטעה אויף, זאָג איך דיר! דו מאַכסט זיך אַז דו שלאָפסט — איך גלויב דיר ניט. דו הערסט? (דורך די צייהן) איינגעשלאָפען — פערפלוכטעם פלייש!

(געהט אָב און הערט זיך צו.)

— חא! מען געהט... מען געהט — — און זייער קיסר שלאָפט! זיי געהען... און זייער בעל מופת שלאָפט ווי אַ פערד, אויף וועלכען מען האָט געפיהרט וואַסער. זיי טראָגען די קרוין און דעם טויט, און זייער קרבן און הערשער כאַפּט ווינד מיט אָפענעם מויל און שנוידעט זיס. אַ, ערבארמליכעם געשלעכט: אין דיינע ביינער איז פערראַטה, אין דיין בלוט איז מסירה און אין דיין הארצען איז שקר. עס איז בעסער צו פערלאָזען זיך אויף פליסענדען וואַסער און געהן אויף די כוואַליעס ווי אויף אַ בריק; עס איז זיכערער אָנצולעה־נען זיך אויף דער לופט, ווי אויף אַ שטיין — איידער פערטרויען אַ פעררעטהער דעם שטאָלצען כעס און די ביטערע רעיונות. (געהט אונטער צו דוד'ן און שטויסט איהם גראָב) שטעה אויף, שטעה אויף, דוד; שרה איז געקומען, שרה — שרה — שרה.

דוד (ערוואַכענדיג): דאָס ביזט דו, שרה ... באַלד, איך בין זעהר מיעד, שרה.... וואָס איז דאָס דאָס זייט איהר גאָר, נולליוס און וואו איז שרה, זי האָט מיך נאַר־וואָס גערופען. ווי מיעד איך בין, ווי מיעד איך בין, נולליוס.

אשמדאי: שרה געהט, שרה טראָגט אייך אַ קינד.

דוד: וואָס פאַר אַ קינד? מיר האָבען דאָך ניט קיין קליינע קינדער. אונזערע קינדער... (קוקט זיך אום צושראָקען) וואָס איז דאָס, נולליום? ווער שרייט דאָס דאָרט?

אשמדאי: שרה טראָגט אַ טויטען קינד. מען דאַרף, אַז איהר זאָלט לעבעדיג מאַכען דעם טויטען קינד, דוד. עס איז אַ שווארצינקער, מען רופט איהם משה... משה...

דוד (שטעהט אויף און טרעט ארום אויף אַ שטח פון עטליכע טריט): לויפען, נולליום, לויפען... וואו־זשע איז דער וועג? וואו־הין האָסט דו מיך פערפיהרט? (כאַפּט אשמדאי פאַר'ן האַנד). הער ווי זיי שרייען. דאָס קומען זיי אַהער, נאָך מיר, ראַטעווע מיך, נולליום!

אשמדאי: ניטאָ קיין וועג. (האַלט צוריק דוד'ן). דאָרט איז אַן אָבגרונד.

דוד: וואָס־זשע זאָל איך טהאָן, נולליום? זאָל איך זיך ארונטערשליידערען און צושמעטערען מיין קאָפּ אָן די שטיינער — אָבער וואָס בין איך אַ רשע, וואָס איך זאָל קומען צו גאָט ניט־געררופענערהייט? אַ, ווען גאָט וואָלט מיך גערופען — שנעלער ווי אַ פייל פון בויגען וואָלט זיך געטראָגען צו איהם מיין אַלטע נשמה. (הערט זיך צו) מען שרייט. מען רופט — אוועק, נולליום, איך וויל תפילה טהאָן.

אשמדאי (געהט אָב): אָבער איילט זיך צו, דוד. זיי זיינען נאָהענט.

דוד (פאַלט אויף די קניע): דו הערסט? זיי געהען. איך ליעב זיי, אָבער ערגער פון האַס איז מיין ליעבע און אומעכטיג איז זי ווי גלייכגילטיגקייט. טויט מיך — און בעגעגען זיי דו אליין. טויט מיך — און בעגעגען זיי מיט רחמים; מיט ליעבע קעהר זיך צו זיי. מאַך פעט מיט מיין גוף די הונגעריגע ערד און מאַך וואַקסען תבואה אויף איהר; מיט מיין נשמה לעש דעם טרויער און מאַך וואַקסען געלעכטער. און פרייד — אַ גאָט — פרייד — שמחה פאַר מענשען...

(עס הערט זיך דאָס אָנקומען פון גרויסע מאַסען; קיין בעזונדערע קולות נאָך ניט — אַלעס גיסט זיך צונויף אין איין לאַנגען זוכענדען געשריי.)

אשמדאי (אונטערגעהענדיג): ניבער, ניבער, דוד — זיי קומען.

דוד: באַלד, באַלד. (פּערצווייפעלט) שמחה.... שמחה... נו און וואָס נאָך.... איין וואָרט בלויז, איין וואָרט בלויז — אָבער איך האָב דעם וואָרט פערגעסען. (וויינט) אָ, אזוי פיעל ווערטער, און נור איין וואָרט פעהלט... נור ד ו דאַרפסט אפשר גאָר קיין ווערטער ניט?

אשמדאי: נור איין וואָרט פעהלט? ווי זאָנדערבאַר. און זיי האָבען דוכט זיך געפונען זייער וואָרט — הערסט דו, ווי זיי יאָמערן: דאַ-אַ-וויד, דוד. שטעה-זשע אויף, דוד, און בעגעגען זיי שטאָלץ. זיי הויבען שוין, דוכט זיך, אָן צו מאַכען פון דיר חוזק.

(דוד שטעהט אויף. פון אונטען האָט מען איהם שוין אפנים בעמערקט — דאָס געשריי פערוואַנדעלט זיך אין אַ שטורעמדיג-פרעהליכען רעווען. איינער וואָס האָט אַריבערגע־יאָגט די איבעריגע לויפט אַרויס, שרייט פרעהליך: „דוד!“ און מאַכענדיג מיט די הענד לויפט ער צוריק. די זונן כאַפּט אַרום מיט אַ בלוטיגען בליק דעם הויכען באַרג, די ציפּרעסען און דוד'ס גרויען קאָפּ און בעהאַלט זיך הינטער די וואָלקענס, אזוי ווי אָן אויג אונטער דעם פאָרהאַנג פון אָנגעכמורעטע ברעמען. אין איין אָרט גיסט זיך אָן דער ים מיט בלוט: אזוי ווי עס וואָלט אַ טויט-ברייננענדע שלאַכט פאָרגעקומען אין דער שטומקייט פון אָבגרונד.)

דוד (טרעט אָב אַ טריט צוריק): איך פיהל אָן אימה, נולליוס. דאָס איז יענער, וואָס אויף'ן וועג, מיט דעם רויטען בערדעל... און איך האָב פאַר איהם מורא, נולליוס.

אשמדאי: בעגעגען זיי מיט שטאָלץ. מיט'ן אמת, מיט'ן אמת שלאָג זיי, דוד.

דוד: נור ניט פערלאָזט מיך, גולליוס, אז ניט וועל איך ווידער פערגעסען, וואו דער אמת איז.

(פון אונטען און איבער'ן צאהם ווייזען זיך מענשען, לויפענדיג מיט איילעניש. זיי זיינען שמוציג, אויסגעמאטערט אזוי ווי דוד, און אזוי ווי זיי וואָלטען געוועזן בלינד, נור אויף די פנים'ער איז אַ פייעריגע שמחה; און אַנשטאָט ווערטער איז בלויז איין טריאומפירענדער עטוואָס ווילדער יאָמער: דאָ־ווי־יד, דאַ־אָ־וו־וויד, דאָ־ווי־יד.)

דוד (שטרעקט אוים די הענד): צוריק!

(מען הערט איהם ניט און קריכט מיט דעמזעלביגען, לאנגען, יאָמער־געשריי; און ביז די ווייטסטע רייהען טראָגט ער זיך, און ווען די פאָדערסטע רייהען ווערען אנטשוויגען, דאן פערשטארבט ער ערגעץ אין דער טיעפער ווייטקייט, אזוי ווי אַ טויזענדפאכע עכאָ: דאָ־אָוויד, דאָ־אָ־ווי־יד, דאָ־ווי־יד.)

אשמדאי (פרעך): וואוהין? צוריק — צוריק זאָגט מען אייך.

(די פאָדערשטע שטעלען זיך אָב צושראָקען.)

שטימען: שטעהט. ווארט. ווער איז דאָס? — דאָס איז דוד? ניין, דאָס איז דער רויבער, — זיין רויבער, — זיין רויבער.

איינער אַן אונרוהיגער: שטיל! שטיל! שש! דוד וויל ריידען. הערט דוד'ן!

(זיי ווערען אנטשוויגען, נור אין־דער־ווייט שרייט מען נאָך: דאָ־אָ־ור־יד, דאָ־אָ־וויד.)

דוד: וואָס דארפט איהר? נו יא, דאָס בין איך, דוד לייזער, אַ איד פון דערזעלבער שטאָדט, וואָס איז אויך אייער שטאָדט. פאר וואָס פערפאָלגט איהר מיך, ווי איך וואָלט געוועזן אַ גנב, און שרעקט מיך מיט אייערע געשרייען, ווי איך וואָלט געוועזן אַ גזלן?

אשמדאי (פרעך): וואָס דארפט איהר? אוועק פון דאנען. מיין פריינד, דוד לייזער, וויל אייך ניט זעהן.

דוד: יא. לאָזט מיך שטארבען, ווארום צו מיין הארצען קומט שוין אונטער דער טויט; געהט אהיים צו אייערע פרויען און

קינדער. איך קען מיט קיין זאך ניט גרינגער מאכען אייערע יסורים, נעהט. האב איך אזוי געזאגט, נולליום?

אשמדאי: אזוי, אזוי, דוד.

איינער אן אונרוהיגער: אונזערע פרויען זיינען דא און אונזערע קינדער זיינען דא. אט שטעהען זיי און ווארטען אויף א גוט־ווארט, דוד, דו דער דערפרעהער פון מענשען.

דוד: איך האב שוין מעהר קיין כחות ניט און האב ניט וואס צו זאגען. געהט.

פרוי: געה צו א ביסעל נעהנטער, ראובן, און זאג שלום־עליכם אונזער רבי דוד'ן. איהר געדענקט דאך איהם געוויס, דוד? פערנייג זיך נאך אמאל, ראובן.

(דער איינגעל פערנייגט זיך שעהמעוודיג און בעהאלט זיך ווידער צווישען המון. גוטמוטהיגער געלעכטער.)

אלטער מאן (שמייכעלט): דאס האט ער פאר אייך מורא, דוד. האב קיין מורא ניט, איינגעלע.

(איינגעהאלטענער געלעכטער, ס'טרעט ארויס דער וואנ־דערער.)

וואנדערער: דו האסט אונז גערופען, דוד — און מיר זיינען געקומען. שוין לאנג האבען מיר געווארט, שטומערהייט, דיין גנע־דיגען רוף און ביז די וויטסטע גרענעצען פון דער ערד האט זיך צוטראגען דיין צורוף, דוד. שווארץ זיינען געווארען די וועגען פון מענשען; די פערלאזענע שטעגען האבען זיך צוריהרט און די שמאלע שטעגעלעך האבען זיך אנגעגאסען מיט טריט און באלד וועלען זיי ווערען גרויסע שליאכען — ווי דאס גאנצע בלוט, וואס איז פאראן אין גאנצען קערפער, פליסט צום איינציגען הארצען, אזוי געהען צו דיר, דעם איינציגען, אלע ארעמע פון דער ערד. א גערוס דיר, דוד אונזער הארר — מיט זייער ערד און לעבען בעגריסט דיך דאס פאלק.

דוד (געמאטערט): וואס פערלאנגט איהר?

וואנדערער (שטיל): יושר.

דוד: וואָס ווילט איהר?

אלע: יושר.

(איין וואָרט בלויז און אזוי ווי א דונער וואָלט דורכגע־שטורמט איבער דער ערד, און איז שוין פערשטילט געוואָרען, אזוי נאָהענט און אזוי ווייט, און עס וויים שוין ניט דער מענש: האָט ער דאָס געהערט, האָט ער דאָס געזאָגט, האָט ער דאָס א טראַכט געטהאָן — אָדער עס איז קיין זאך ניט געווען. — ערוואַרטונג.)

דוד (מיט פלוצלינגער האָפענונג): זאָגט דאָך, נולליוס, זאָגט: איז דען יושר א נס?

אשמדאי (ביטער): דאָרט זיינען פאַראַן בלינדע — און זיי זיינען אונשולדיג. דאָרט זיינען פאַראַן טויטע — און זיי זיינען אויך אונשולדיג. מיט איהרע קברים פערנייגט זיך פאַר דיר די ערד און מיט דעם חשך בעגריסט זי דיך. מאַך דאָך א נס.

דוד: א נס? ווידער א נס?

וואנדערער (פערדעכטיג און בייז): און דאָס פאָלק וויל ניט, אז דו זאָלסט ריידען מיט דעם, וועמעס נאָמען מיר וואַגען ניט צו דערמאָנען. ער איז א שונא פון מענשען און ביי נאַכט, ווען דו ביזט געשלאָפען, האָט ער דיך געריבעט און האָט דיך אוועקגעטראָגען אָט אויף דעם באַרג — ער האָט אָבער ניט געטראָפען צו רויבען דאָס האַרץ ביים פאָלק, און דאָס האַרץ האָט אונאויפהערליך געקלאַפט — ביז עס האָט אונז געבראַכט אהער צו דיר.

אשמדאי (מיט גדלות): ווי עס ווייזט אויס, בין איך דאָ אַן איבעריגער?

דוד: ניין, ניין. פערלאָזט מיך ניט, נולליוס. (געמאַטערט) אוועק, אוועק פון דאַנען. איהר פּרופט גאָט. איך קען אייך ניט. געהט אוועק... אוועק געהט.

אשמדאי (קורץ): אוועק!

שטימען (צושראָקען): דוד איז אין כעס. — וואָס זאָלען מיר טהאָן?... אונזער הערר איז אין כעס! — דוד איז אין כעס.

אלטער: רופט שרה'ן.

פרוי: שרה'ן רופט, שרה'ן.

שטימען: שרה! שרה! שרה!

(עס לאָזט זיך הערען אין די וויטסטע רייהען: שרה! שרה! שרה!)

דוד (מיט פחד): דו הערסט? זיי רופען שרה'ן.

פריידענס־שטימען: שרה געהט.

(די מאַסע ווערט דרייסטער.)

אברהם חעסין (פערנייגט פיעלפאַך): דאַס בין איך, דוד, דאַס בין איך. שלום עליכם, אונזער רבי דוד.

שיינדעל (שמייכעלט און בעגריסט פיעלפאַכיג): שלום עליכם. נו, שלום־עליכם דאָך, דוד.

(דוד קעהרט זיך אָב און פערדעקט דעם פנים מיט די הענד.)

אשמדאי (גלייכגילטיג): אוועק!

(אַלגעמיינע פערלעגענהייט, איבערגעריסענע שמייכלען, איינגעהאַלטענע זיפצען. געפיהרט רעספּעקטפול אונטער דער האַנד ערשיינט שרה און דערגעהט אַזוי ביז דעם אונגעזעהענעם תחום, וועלכער טהיילט אָב דוד'ן און איבער וועלכען קיינער אונטערשטעהט זיך ניט איבערצוטרעטען. און ווייטער עטליכע טריט מאַכט זי שוין אַליין.)

אשמדאי: קוקט זיך נור צו, דוד... שרה איז געקומען.

שרה (ווייך): שלום עליכם, דוד. זייט מיר מוחל, וואָס איך בעאונרוהיג אייך, אָבער די מענשען האָבען מיך געבעטען דורכ־ריידען זיך מיט אייך און אויסגעפינען, ווען וועט זיין אייער רצון אומצוקעהרען זיך אַהיים אין אייער פּאַלאַץ. און זייער בקשה איז אויך, אַז איהר זאָלט זיך צואיילען, דוד, וואָרום פיעלע זיינען אויס־געשטאָרבען פון אונערטרעגליכע יסורים; — — — און די טויטע זיינען שוין מיעד געוואָרען וואַרטענדיג. און פיעלע זיינען שוין פון זינען אַראָב פון אונערטרעגליכע יסורים, און וועלען באַלד אָנהויבען רציחות; און אויב איהר וועט זיך ניט צואיילען, דוד, וועלען אַלע

אין פאָלק ווערען איינער דעם אַנדערען שונאים — — — און איהר וועט נים קענען בויען קיין מלוכה אויף רער טויטער ערד.

(ביטערער שלוכצען אין די ווייטע רייהען: דאַ־אָ־ווי־יד, דאַ־אָ־ווי־יד.)

דוד (איינגעהאַלטען): אוועק, שרה.

שרה (ווייך): ביי איך זיינען צוריסען די קליידער, דוד, און איך האָב מורא, אז אויף אייער לייב זיינען וואונדען? וואָס איז מיט דיר? פאר וואָס פרעהסט דו זיך נים מיט אונז?

דוד (וויינענדיג): א, שרה, שרה! וואָס טהוסט דו מיט מיר? בעדענק בלויז, שרה — בעדענקט נור איהר אַלע — האָב איך אייך דען נים אָבגעגעבען אַלעס — — — און עס איז ביי מיר קיין זאַך ניטאָ מעהר. האָט דאָך אויף מיר רחמנות, ווי איך האָב אויף אייך רחמנות געהאַט, און דער'הרג'עט מיט שטיינער מיין אונגויטיגען גוף. איך האָב אייך ליעב, און ווערטער פון כעס זיינען מאַכטלאָז אין מיינע ליפּען, און עס שרעקט אייך נים די מורא פון מויל פון א ליעבענדען — דארום האָט דאָך רחמנות אויף מיר. איך האָב קיין זאַך נים. אין מיינע אָדערען איז ווייניג בלוט, אָבער וואָלט איך דען נים אוועקגעגעבען עס אין גאַנצען ביז דעם לעצטען פערבלייבענעם טראָפּען, אויב איך וואָלט נור געקענט לעשען אייער ביטערען דורשט. ווי א גאָמקע וואָלט איך צונויפדריקען מיין הארץ צווישען מיינע לאַדאָניעס, ווי צווישען מיהל־שטיינער און נים איין טראָפּען וואָלט נים וואגען בעהאַלטען דאָס פאַלשע הארץ — וואָס איז זשערנע נאָך לעבען!

(רייסט פונאַנדער מיט כח זיינע קליידער און ראַצט די נאַקעטע ברוסט.)

— אָבער אָט געהט בלוט — געהט בלוט — האָט אפילו איינער פון אייך דען א שמייכעל געטהאָן מיט דעם שמייכעל פון פרייד? אָט רייס איך די האָר פון מיין באָרד און וואָרף — און וואָרף די גרויע שטיקער האָאר צו אייערע פיס — — האָט זיך דען אפילו איין טויטער אויפגעהויבען? אָט וועל איך א שפּיי טהאָן אין אייערע אויגען — וועט דען אפילו איין בלינדער דערפון זעהענ־

דיג ווערען? אָט וועל איך שטיינער... שטיינער וועל איך בייסען.... אזוי ווי א משוגע'נע חיה — וועט דען אפילו איין הונגעריגער זאט ווערען? אָט וועל איך זיך אין גאַנצען צוואווארפען אייך....

(מאכט שנעל עטליכע טריט — און די מאַסע טרעט צוריק מיט פּחד. קולות פון שרעק.)

אשמדאי: אזוי, אזוי, דוד. שלאָג זיי!

שרה (צוריקטרעטענדיג): אָי, ניט שטראָפט אונז, דוד.

וואַנדערער (צום המון): ער פאָלגט דעם רויבער. ער זאָגט: איך וויל גאָרנישט געבען דעם פאָלק. ער שפּייט און זאָגט, אז דאָס שפּייט ער דעם פאָלק אין די אויגען....

(קולות פון שרעק און פון ענטשטעהענדער בייזקייט. נור אין די ווייטסטע רייהען זיינען נאָך אַלץ יאָמער־בקשות: דאָ־אָ־ווי־יד.)

איינער: ער וועט ניט וואגען שפּייען אין פאָלק. מיר האָבען איהם קיין זאך ניט געטהאָן.

צווייטער: איך האָב געזעהן, איך האָב געזעהן: ער האָט געהויבען שטיינער. ראטעוועט זיך.

אשמדאי: היט זיך, דוד: זיי וועלען זיך גלייך נעהמען צו די שטיינער: דאָס זיינען חיות!

וואַנדערער (צו דוד'ן): דו האָסט אונז אָבגענאַרט!

שרה (שטעלט זיך איין): איהר זאָלט זיך ניט אונטערשטעהן אזוי צו ריידען.

חעסין (גיט א כאַפּ דעם וואַנדערער פאַר'ן ברוסט): נאָך איין וואָרט און איך פערשטאָפּ דיר דיין מויל.

דוד (שרייט): איך האָב קיינעם ניט אָבגענאַרט. איך האָב אַלעס אָבגעגעבען און ביי מיר איז מעהר קיין זאך ניט דאָ.

אשמדאי: איהר הערט, פּתאום. ביי דוד'ן איז קיין זאך ניטאָ. (לאכט) ניטאָ גאָרנישט. זאָג איך אזוי, דוד?

וואַנדערער: איהר הערט? ביי איהם איז גאָר קיין זאך ניטאָ. צו וואָס זשע האָט ער אונז גערופען? ער האָט אָבגענאַרט; ער האָט אָבגענאַרט.

חעסין (אין אונקלאָהרהייט): אָבער עס איז דאָך אמת,
שרה: ער זאָגט אַליין: ניטאָ גאָרנישט.

שרה: הערט ניט דוד'ן. ער איז קראַנק. ער איז מיעד. ער וועט אונז געבען אַלעס.

וואַנדערער (מיט ביינקשאַפט און מיט כעס): ווי זשע האָסט דו דאָס געקענט, דוד? וואָס האָסט דו געטהאָן מיט'ן פאָלק, פערפלוכטער?

איינער אַן אונרוהיגער: נו, טאָ הערט דאָך, וואָס מיט מיר האָט געטהאָן דוד, דער ערפרעהטער פון מענשען. ער האָט מיר פערשפּראָכען צעהן רובעל, און דערנאָך האָט ער אָבגענומען, און האָט געגעבען איין קאָפּיקע, האָב איך געמיינט, אַז די קאָפּיקע איז ניט אַ ווירקליכע קאָפּיקע און בין מיט איהר געקומען אין קלייט און בעט פּיעלעס — ערשט זיי האָבען זיך צולאַכט און האָבען מיך געטריבען, ווי מען טרייבט אַ גנב. דאָס ביסט דו דער גנב! דו ביסט דער רויבער, וואָס האָט איבערגעלאָזען מיינע קינדער אָהן מילך! נאַ דיר דיין קאָפּיקע!

(וואַרפט די קאָפּיקע צו דוד'ס פּיס. פּיעלע טהוען איהם נאָך, וואָרום ביי אַלעמען איז מעהר ניטאָ, ווי צו איין קאָפּיקע).

שרה (בעשיצענדיג דוד'ן): איהר זאָלט ניט אונטערשטעהן זיך בעליידיגען דוד'ן.

(דוד וויינט שטיל, פאַרדעקענדיג דעם פּנים מיט די הענד.)

איינער אַ צורייצטער: פּעררעטהער! ער האָט אויפגע־הויבען טויטע פון זייערע קברים, צו מאַכען חוזק פון זיי. מיט שטיינער שלאָגט איהם!

(ער בויגט זיך אַן נאָך שטיינער. אין דיזען מאָמענט הויבט זיך אויף אַ שטאַרקער ווינד און אין דער ווייטקייט קראַכט אַ דונער. אַ פּחד כאַפּט אָן דעם המון.)

דוד (אויפהויבענדיג דעם קאָפּ און צועפּענענדיג די ברוסט): שלאָגט מיך מיט שטיינער — איך בין אַ פּאַררעטהער.

(שטאַרקער דער דונער, אשמדאי קייכט פרעהלאָך.)

וואַנדערער: פעררעטהער! מיט שטיינער שלאָגט איהם — ער האָט אָבגענארט! ער האָט פארראטהען! ער האָט געלאָינט!

(אַ טומעל. זיי אַטאַקירען דוד'ן, זיי כאַפּען שטיינער; אַנדערע אַנטלויפען מיט אַ יאָמער־געשריי.)

דוד: נעהמט מיך. איך געה צו אייך.

אַשמדאי: וואוהין? זיי וועלען דיך ערמאָרדען.

דוד: דו ביסט אַ שונא! לאָז (ער רייסט זיך אויס.)

וואַנדערער (אויפהויבענדיג אַ שטיין איבער'ן קאָפּ): צוריק, דו שטן!

אַשמדאי (שנעל): פאַרפּלוך זיי, דוד! זיי וועלען דיך באַלד ערמאָרדען. שנעל!

(דוד הויבט אויף ביידע הענד — און פאַלט אַ געטראָפענער פון אַ שטיין. כמעט אָהן ווערטער, שטום פון צאָרען, טויב בורטשענדיג, אַזוי ווי די ערד וואָלטען זיי פרעסען — וואַרפען מענשען אַלץ נייע און נייע שטיינער אויף דעם אונבעוועגליכען קערפּער. זיי הערען ניט דעם דונער, הערען ניט דעם קוויטשיגען געלעכטער פון אַשמדאי. פּלוצלונג ווערט אימיצער הויך: אַ־אַ־אַ אַ פרוי, נאָך איהר אַ צווייטע, אַ געשריי, אַ רעווען. זיי צולויפען זיך איינגעבויגענערהייט. איינער אַ לעצטער הויבט אויף אַ שטיין, אַ וואָרף צו טהאָן דוד'ן אין קאָפּ — ער קוקט זיך ארום — ער איז איינער אַליין! — לאָזט ארויס דעם שטיין פון האנד און גיט זיך אַ כאַפּ פאר'ן קאָפּ מיט אַ ווילדען געשריי און אַנטלויפט. געשרייען אין דער ווייט. עטוואָס שרעקליכעס קומט פאָר אין דעם ניט געזעהענעם המון.)

אַשמדאי (צאַפּעלט זיך, שפּרינגט ארויף אויף אַ שטיין, בעהאַלט זיך, שפּרינגט ווידער אַרויף, קוקט): אַ־אַך, דו האָסט געזיעגט, דוד! (לאַכט) זעה! זעה, ווי עס לויפט דיין פאַרפלוכטע סטאַדע. חאַ־חאַ! זיי פאַלען פון די פעלזען! זעה, דוד — זיי צוטרעטען קינדער! דאָס זיינען דיינע מעשים, גרויסער, מעכטיגער דוד לייזער. גאָטס גאַליעבטער זוהן — דאָס האָסט דו געמאַכט!

חא־חא־חא! (דרעהט זיך א צובושעוועטער פון געלעכטער.) אך, וואו זאל איך זיך אהינטהון מיט מיין שמחה! אך, וואוהין זאל איך דאך געהען מיט מיין בשורה — וועניג פלאץ איז פאר איהר אויף דער וועלט! מזרח און מערב, צפון און דרום, קוקט און הערט — דוד, דער ערפרעהער פון מענשען — — — איז דער׳הרג׳עט געווארען פון גאט און פון מענשען. און אויף זיין גע׳פגר׳טען גוף וועל איך זיך ארויפשטעלען מיט׳ן פוס — איך, אשמדאי! (צום הימעל.) דו הערסט? ענטפער, אויב דו קענסט.

(גיט א שטויס מיט׳ן פוס דוד׳ס קערפער. און אט ציטערנדיג און שאקלענדיג זיך משונה, הייבט זיך אויף דער גרויער צובלוטיגטער קאפ.)

אשמדאי (אבטרעטענדיג צוריק): דו לעבסט נאך? אויך דעריין געלאיגט.

דוד (קריכט): צו אייך געה איך. ווארט דאך אויף מיר, שרה. איך געה באלד.

אשמדאי (בויגט זיך אן, קוקט זיך איין נייגיעריג): דו קריכסט? — — אזוי ווי איך? — ווי א הונד? — צו זיי?

דוד (אין טויטער נסיסה): אי, איך וועל ניט דערגעהען. טראגט דאך מיך, נוליום. זאג איך דען, אז מען דארף מיך ניט שלאגען מיט שטיינער — אך, נו און לאזען מיך שלאגען מיט שטיינער. טראגט דאך מיך, נולליום. איך וועל זיך שטיל לעגען אויף׳ן שוועל, איך וועל נאר א קוק טהאן אין א שפעלטעל, ווי עס עסען... די קלייניניקע קינדערלעך... אי, דער בארד. אי, דער שרעקליכער בארד... אי, האב קיין מורא ניט מיין קלייניניקער — דו ביזט דער איינציגער קלוגער, דו איינער לאכסט. קינדערלעך מיינע, מיינע ליעבינקע קינדערלעך.

אשמדאי (טופענדיג מיט׳ן פוס): דו האסט א טעות, דוד! דו ביזט טויט. און טויט זיינען די קינדער! די ערד איז טויט — טויט — טויט! גיב א קוק.

(מיט אנשטרענגונג הויבט זיך אויף דוד און קוקט, אויסשטרעקענדיג שוין זיינע שוואכע, האלב־טויטע הענד.)

דוד: איך זעה, גאָליאַס. מיין אַלטער פריינד — — —
מיין אַלטער פריינד, זייט דאַ, איך בעט אייך, און איך וועל געהען צו זיי. ווייסט איהר, גאָליאַס... (פּלאָנטערט זיך) דוכט זיך, איך האָב געפונען א קאַפּיקע... (לאַכט שטיל.) איך האָב דאָך דיר געזאָגט, גאָליאַס, גיב א קוק אויף דיזען פּאַפּיער... אברהם חעסין, מיין פריינד... (איבערצייענענד) אברהם חעסין אין מיין פריינד... (פאַלט און שטאַרבט.)

(פון דער ווייט הערען זיך איינגעהאַלטענע דונער־קראַכען, אזוי ווי איבער מורא'דיגע שטיינערנע טרעפּ וואָלט אימיצער אראָבגעהען אן אַנגעטהאָנענער אין שווערע אייזען. עס איז שוין פינסטער פון די שוואַרצע קנוילענדע וואָלקענס, אבער עס שטילט זיך דער שניידענדער ווינד. ביז'ן סאַמע וואַסער האָט זיך אראָבגעלאָזען די רויטע זון, ווייזענדיג איהר אויבערשטע רונדקייט, ווי א גליוערנדע, מורא'דיגע, נאָהענטע מאַסע. און פערשווינדעט.)

אשמדאי (אָנבויגענדיג זיך): איצט איז אמת? געשטאָרבען? אָדער דו לאַיגסט ווידער? ניין — אַן ערליכער טויט. גיב דעם פויסט. צועפּען. דו ווילסט ניט? אָבער איך בין דאָך שטאַרקער. (שטעהט אויף און קוקט זיך צו צו עפּעס אין האַנד.) א קאַפּיקע! (וואַרפט זי אַוועק מיט פעראַכטונג. קעהרט מיט'ן פוס דוד'ס קערפּער.) אדיע, שוטה! מאָרגען וועלען מענשען דאָ געפינען דיין טויטען גוף און וועלען איהם מקבר זיין גרויסאַרטיג, ווי דער מנהג איז פון מענשען. גוטע רוצחים, זיי ליעבען די, וועמען זיי דער'הרג'ענען. און יענע שטיינער, מיט וועלכע מען האָט דיך גע'הרג'עט פאַר ליעבע, וועלען זיי אויפשטעלען א הויכען, קרומען און נאַרישען מאָנומענט. און אום לעבעדיג צו מאַכען די אונגעלומפּערט טויטע מאַסע —וועט מען מען אַרויפזעצען אויפ'ן שפּיץ. (לאַכט. רייסט איבער מיט אמאָל דעם געלעכטער און שטעלט זיך אין א גדלות'דיגער, שווישפּיעלערישער פּאָזע.) ווער וועט אַרויסרייסען דעם נצחון פון אשמדאי'ס הענד? שטאַרקע דער־הרג'ע איך, שוואַכע צווינג איך צו דרעהען זיך אין א שכור'ן טאַנץ—

אין אַ משוגענעם טאַנץ — אין אַ טייפלישען טאַנץ. (גיט אַ קלאַפּ מיט'ן פוס אין דער ערד.) רוהיג ווער, ערד, און מתנות ברענג מיר אונטערטעניגליך! מאָרד — ברען — מסר מענשען אים נאָמען פון דיין הערדען. אין דעם ים פון בלוט, וואָס שמעקט אזוי זיס, מיט די רויטע זעגלען, וואָס גלענצען אזוי היים... וועל איך וועגדען מיין שיפעל... (צום הימעל, שנעל)... צו דיר נאָך אַן ענטפער. ניט ווי אַ הונד, וואָס קריכט אויפ'ן בויך — — — אַלס אַן אַנגעזעהענער גאַסט, אַלס אַ הערשענדער פירסט פון דער ערד וועל איך צוזעגלען צו דיינע שטומע ברעגען. (מיט גדלות.) מאַך זיך פאַרטיג. איך — — — אַ קלאָרע תשובה וועל איך פאָדערן. כאַ־כאַ־כאַ.

(פערשווינדעט קייכענדיג אין דער פינסטערניס.)

פאַרהאַנג.

זיבעטעס בילד.

קיין זאַך איז ניט פאַרגעקומען. קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט. נאָך אַלץ אַזוי דריקען די ערד די אייזערנע, פון אייביג געשלאָסענע טויערן, הינטער וועלכע עס וואוינט שווייגזאַם און געהיימניספול דער אָנפאַנג פון יעדער זיין, דער גרויסער שכל פון וועלט־אַלל. און נאָך אַלץ אַזוי שווייגענד און מורא'דיג איז דער עמיצער, וואָס בעוואַכט דעם אַריינגאַנג, — קיין זאַך איז ניט פאַרגעקומען, קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט.

שרעקליך איז דאָס גרויע ליכט, שטום ווי די גרויע שטיינער, שרעקליך איז דער פּלאַץ — אבער אשמדאי האָט איהם ליעב. און אָט וויזט ער זיך ווידער; אבער ער קריכט ניט אויפ'ן בויך, ווי אַ הונד; בעהאַלט זיך ניט אונטער די שטיינער, ווי אַ גנב. — אַלס אַ זיעגער מיט אַ גדלות'דיגען טראָט, מיט לאַנגזאַמער וויכטיגקייט אין זיינע בעוועגונגען זוכט ער פערפעסטיגען זיין נצחון. נור אַזוי ווי דער טייפעל קען דאָך קיין מאָל ניט זיין אַ גערעכטיגער און עס איז ניטאָ קיין סוף צו זיינע ספיקות, טראָגט ער דארום אויף אהער אריין זיין אייביגע צושפּאַלטונג, זיין אייביגע דאָפּעלטקייט; נעהט ווי אַ זיעגער, און אליין האָט ער מורא; פערוואָרפט דעם קאָפּ הויך אַזוי ווי אַ הערשער, און לאַכט אליין פון זיין איבערטריבענער וויכטיגקייט; אַ טרויעריגער, בייזער לץ און ביינקט נאָך גדולה; אַ געצוואונגענער צו לאַכען און האַסט געלעכטער.

אַזוי דערגעהט ער ניט איבערטריבענער גדלות ביז'ן מיטען פון בארג, און וואַרט מיט אַ שטאָלצער פּאָזע. נור די שווייגזאַמקייט צופרעסט זיין אונזיכערע גדלות, ווי פייער טרוקענע האָלץ, — און ער איילט זיך שוין, ניט אויסהאַלטענדיג אפילו

קיין פויזע, ווי א שלעכטער מוזיקאנט, צו בעהאלטען זיך מיט זיינע ספיקות, און זיין העסליכען פחד אין א נעדריכטער מאסע פון ליצנות, און הויכען געשריי און שנעלע זשעסטיקולאציעס.
ער טופעט מיט'ן פוס און שרייט כלומרשט מיט א בייזען קול.

אשמדאי: פאר וואס זיינען ניטא קיין טרומייטען און קיין פאראד? פאר וואס זיינען פערמאכט דיזע אלטע, פערראסטע טויערן, און קיינער ניט מיר ניט די שליסלען? נעהמט מען דען אזוי אויף אין אנשטענדיגע קרייזען אן אנגעזעהענעם גאסט, דעם הערשערליכען פירסט פון אונזער פריינדליכער ערד? בלויז איין איינגעשלאפענער שווייצאר, ווי עס שיינט, און ווייטער קיינער ניט. שלעכט! שלעכט!

(קייכט פון געלעכטער, ציהט זיך, גענויצט און זעצט זיך צו אויף א שטיין. רעדט זאנפט, מאניערליך און מיעד.)

אבער איך יאג זיך ניט נאך כבוד. טרומייטען, בלומען און קולות, דאס זיינען דאך אלץ פוסטע זאכען. איך האב אליין געהערט, ווי מען האט אמאל געטרומייטערט א גרויסען שם פאר דוד־לייזער'ן — וואס איז דערפון ארויסגעקומען? (ער זיפצט.) טרויעריג א טראכט צו טהון. (פייפט אומעטיג.) דו האסט דאך מסתמא געהערט, וואס פאר אן אונאנגענעהמליכקייט עס האט געטראפען מיין פריינד? עס געדענקט זיך מיר, אז ווען מיר האבען לעצטען מאל געפלוידערט מיט דיר, האסט דו נאך פון דעם נאמען ניט געוואוסט... אבער איצט ווייסט דו איהם שוין? א שטאלצער נאמען! ווען איך האב פערלאזען די ערד, האט די גאנצע ערד מיט מיליאנען הונגעריגע העלזער אויסגעשריען דיזען בעריהמטען נאמען: דוד — א שווינדלער! דוד — א מוסר! דוד — א ליגנער! מיר האט זיך דערבייי אויסגעוויזען, אז זיי מאכען בעת מעשה פארווירפע נאך וועמען — ניט פון זיין אייגענעם נאמען האט דאך געווירקט אזוי אונפארזיכטיג מיין עהרליכער, אונשעד־ליכער, אומגעקומענער פריינד.

(דער עמיצער שווייגט, און אשמדאי שרייט, אטהמענ־דיג בייז און שוין מיט א ניט־פערשטעלטען טריאומף.)

רעם נאָמען! דעם נאָמען פון יענעם, וועלכער האָט אומגעבראַכט דוד'ן און טויזענדער מענשען! איך בין אשמדאי, ביי מיר איז ניטאָ קיין הארץ; אויף דעם פייער פון גיהנום זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען מיינע אויגען און ניטאָ אין זיי קיין טרערען, אבער אויב זיי וואָלטען ביי מיר געווען, איך וואָלט זיי אַלע אוועקגעגעבען פאַר דוד'ן. איך האָב קיין הארץ ניט, אבער עס איז געווען אַן אויגענבליק, ווען עפּעס לעבעדיגעס האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן אין מיין ברוסט, און איך האָב זיך דערשראָקען: קען דען אַ הארץ געבאָרען ווערען? איך האָב געזעהען, ווי דוד איז אומגעקומען און מיט איהם טויזענדע מענשען; איך האָב געזעהען ווי אין דעם תהום פון ניט־זיין, אין מיין דירה פון חשך און טויט איז אראָבגעשליידערט געוואָרען זיין גייסט, אַ שווארצער, רחמנות'דיג צונויפגעדרעהט, אזוי ווי אַ גע'פגר'טער וואָרים אויף דער זון... זאָג, האָסט דו דאָס ניט אומגעבראַכט דוד'ן?

עמיצער, שומר פון אריינגאַנג: דוד האָט עררייכט אונשטערבליכקייט, און ער לעבט אונשטערבליך אין דער אונשטערבליכקייט פון פייער. דוד האָט עררייכט אונשטערבליכקייט, און ער לעבט אונשטערבליך אין דער אונשטערבליכקייט פון ליכט, וואָס דאָס איז לעבען.

(אַ געטראָפענער פאַלט אשמדאי צו דער ערד און ליעגט איין רגע אונבעוועגליך. הייבט דערנאָך אויף דעם קאָפּ, אַ צובייזטען ווי ביי אַ שלאַנג — שטעהט אויף און רעדט מיט דער רוהיגקייט פון אונבעגרענצטען כעס.)

אשמדאי: דאָס איז שקר! זיי מיר מוחל פאַר מיין חוצפה, אבער דו לאַיגסט. געוויס, דיין מאַכט איז אָהן אַ שיעור — און אפילו אַ גע'פגר'טען וואָרים, וואָס איז שוואַרץ געוואָרען פון דער זון, קענסט דו געבען אונשטערבליכקייט. וועט דאָס אבער זיין אַ יושר? אָדער עס פאַלשעווען די צאָהלען, צו וועלכע איך דו ביזט אונטערוואָרפען? אָדער אַלע וואָגען ווייזען פאַלש, און די גאַנצע וועלט דיינע איז בלויז איין דורכאויסיגער שקר? און אכזר'ישעס און ווילדעס שפּיעל אין געזעצע, אַ בייזער געלעכטער פון אַ דעספּאָט

איבער דער שטום־לאָזיגקייט און אונטערטעהעניגקייט פון א שקלאף?

(ער רעדט טרויעריג, מיט דער בייַנקשאפט פון אונשטערב־ליכער בלינדקייט.)

אשמדאי: איך בין מיעד פון זוכען. איך בין מיעד געוואָרען צו לעבען און מאַטערן זיך פרוכטלאָז, צו יאָגען זיך נאָך דאָס אייביג פערשוואונדענע. גיב מיר טויט — נור ניט פייניג מיך מיט ניט־וויסען. ענטפער מיר עהרליך, ווי עהרליך איך בין אין מיין מרידה פון א שקלאף. האָט דען דוד ניט געליעבט? — ענטפער. און האָט מען דען ניט מיט שטיינער דער׳הרג׳עט דוד׳ן, וועלכער האָט זיין נשמה אוועקגעגעבען? — ענטפער.

עמיצער: יא מיט שטיינער האָט מען דער׳הרג׳עט דוד׳ן, וואָס האָט זיין נשמה אוועקגעגעבען.

אשמדאי (לאַכענדיג פינסטער): דערווייל ביזט דו עהרליך און ענטפערסט בעשיידען. אבער ניט שטילענדיג דעם הונגער פון די הונגעריגע, ניט מאַכענדיג די בלינדע זעהענדיג, ניט צוריק־קעהרענדיג לעבען צו די אונשולדיג־געשטאָרבענע; ברענגענדיג קריעגעריי, און האַמפעריי, און אכזר׳ישע בלוטפערגיסונג, וואָרום עס האָבען זיך שוין ערהויבען די מענשען איינע געגען די אנדערע און טהון געוואַלדטהאַטען אין דוד׳ס נאָמען, הרג׳ענען און ראַבעווען — — — האָט דען דוד ניט בעוויעזען ווי מאַכטלאָז איז די ליעבע, און האָט ער דען ניט געשאַפען פיעל שלעכטעס, וואָס מען קען מיט צאָהלען אויסצעהלען און מיט א מאָס אויסמעסטען?

עמיצער: יא. דוד האָט געמאַכט דאָס, וועגען וואָס דו רעדסט, און מענשען האָבען געטהאָן דאָס, אין וואָס דו מאַכסט די מענשען פאָרווירפע. און עס לאָיגען ניט די צאָהלען, און ריכטיג איז די וואָג, און יעדער מאָס איז דאָס, וואָס זי איז.

אשמדאי (טריאומפירענד): דו רעדסט!

עמיצער: אבער ניט מיט מאָס ווערט אויסגעמאָסטען און ניט מיט צאָהל ווערט אויסגעצעהלט, און ניט מיט וואָג ווערט געוואויגען דאָס, וואָס דו ווייסט ניט, אשמדאי. דאָס ליכט האָט קיין שיעור ניט, און עס איז קיין גרענעץ ניטאָ דער צוזונטערונג פון

פייער: עס איז פאַראַן אַ רויטער פייער, פאַראַן געלער פייער, פאַראַן ווייסער פייער, אויף וועלכען די זון ווערט צוברענט ווי געלער שטרוי — און עס איז פאַראַן נאָך אַן אַנדערער, אַן אונבעוואוסטער פייער, דעם נאָמען פון וועלכען קיינער ווייס ניט — וואָרום עס איז קיין גרענעץ אַוועקגעלעגט געוואָרען דער צוצונטערונג פון פייער. און דוד, דער אומגעקומענער אין צאָהלען, דער טויטער אין מאָס און אין וואָג, האָט עררייכט אונשטערבליכקייט אין דער אונשטערבליכ־קייט פון פייער.

אשמדאי: דו לאַיגסט ווידער! (צאַפּעלט זיך אויף דער ערד אין פערצווייפלונג.) אָ, ווער וועט דאָך העלכען דעם עהרליכען אשמדאי? אייביג נאַרט מען איהם. יאַ, ווער וועט העלפען דעם אונגליקליכען אשמדאי, זיין אונשטערבליכקייט איז שווינדעל. אך, ווינט, ליעבהאבער פון טייפעל, יאמערט און זאָרגט, איהר שטרעבער צום אמת, שעצער פון שכל, מען בעשווינדעלט איהם אייביג. איך האָב געוואונען, און ער נעהמט אָב. איך האָב געזיעגט, און ער שמיערט דעם זיעגער אין קייטען; ער שטעכט אויס די אויגען דעם הערשער; דעם מוטווילינען גיט ער הינדישע שטיקלעך — אַ דרעהענדיגען און טרייסלענדען עק. דוד, דוד, איך בין דיר געווען אַ פריינד, זאָג איהם, אַז ער לאַיגט!

(לעגט דעם קאָפּ אויף די אויסגעצויגענע הענד אַזוי ווי אַ הונד און יאָמערט ביטערליך.)

וואו איז דער אמת? וואו איז דער אמת? וואו איז דער אמת? האָט מען איהם אפשר מיט שטיינער דערשלאָגען — ליעגט ער אפשר אין טהאָל מיט נבלות — — אָך, דאָס ליכט איבער דער וועלט איז פערלאָשען געוואָרען, אָך, קיין אויגען איז ביי דער וועלט ניטאָ — וואראָנעם האָבען זיי אויסגעפּיקט... וואו איז דער אמת? וואו איז דער אמת? וואו איז דער אמת? (יאָמערליך.) — זאָג, וועט זיך אשמדאי דערוויסען דעם אמת?

עמיצער: ניין.

אשמדאי: זאָג, וועט אשמדאי ווען דערזעהען די טויערן געעפענטע? וועל איך ווען דערזעהען דיין פּנים?

עמיצער: ניין. קיין מאָל ניט. מיין פּנים איז אָפן — נור דו זעהסט איהם ניט. מיין שפּראַך איז הויך — נור דו הערסט זי ניט; מיינע געבאָט זיינען קלאָר — נור דו ווייסט זיי ניט, **אשמדאי**. און דו וועסט קיין מאָל ניט דערזעהען — און וועסט קיין מאָל ניט דערהערען — און וועסט זיך קיינמאָל ניט דערוויסען, אשמדאי — אונגליקליכער גייסט אונשטערבליכער אין צאָהלען; אייביג לעבענ־דער אין מאָס און וואָג, אבער נאָך ניט געבאָרענער פאַר דאָס לעבען.

(אשמדאי שפּרינגט אויף.)

אשמדאי: דו זאָגסט ליגען, — שווייגענדער הונד, דו גזלן, וואָס האָט גערויבט דעם אמת ביי דער וועלט, וואָס האָט מיט אייזען פערצאָמט דעם אַריינגאַנג אדיע — איך ליעב אַן עהרליכעס שפּיעל, און דאָס פערשפּיעלטע גיב איך אָב. און אויב דו וועסט ניט אָבגעבען — וועל איך זיך פאַר דעם גאַנצען וועלטאַלל צושרייען: ראַטעוועט, מען האָט מיך בע׳גזל׳ט!...

(צולאַכט זיך, פייפט אונטער, טרעט אָב עטליכע טריט — און גיט זיך אַ קעהר צוריק, זאָרגלאָז.)

איך האָב ניט וואָס צו טהון, שפּאַציער איך אַרום איבער דער וועלט. ווייסט דו וואוהין איך געה איצט? איך וועל געהן צו דוד־לייזער׳ן אויפ׳ן קבר. ווי אַ טרויערנדע אלמנה, ווי אַ זוהן פון אַ פאָטער, וואָס איז ערמאָרדעט געוואָרען פון הינטען אַרום מיט אַ פער־רעטהערישען שלאַנג — וועל איך זיך זעצען אויף דוד־לייזער׳ס קבר און וועל וויינען אַזוי ביטערליך, און וועל שרייען אַזוי הויך, און וועל רופען אַזוי מורא׳דיג, אַז עס וועט אויף דער וועלט ניט בלייבען קיין איין עהרליכע זעעלע, וועלכע זאָל ניט פערפלוכען דעם רוצח. און פערליערענדיג דעם זינען פון יסורים, וועל איך אָנווייזען רעכטס און לינקס: האָט דאָס ניט **ד ע ר** ערמאָרדעט? האָט דאָס ניט **ד ע ר** געהאָלפען דער בלוטיגער רציחה? האָט ניט **ד ע ר** גע־מסר׳ט? איך וועל וויינען אַזוי ביטער, איך וועל אָנקלאָגען אַזוי שוידערליך, אַז אַלע אויף דער ערד וועלען ווערען מערדער און תליינים —אין׳ם נאָמען פון לייזער׳ן אין נאָמען פון דוד לייזער, אין׳ם נאָמען פון דוד, דער ערפרעהער פון מענשען! און ווען איך וועל פון דעם

באַרג פון הרוגים, פּאַסקודנע, עיפּוש'דיגע, שמוציגע גופים, לאָזען וויסען דעם פאָלק, אז דו האָסט דאָס ערמאָרדעט דוד'ן און מענשען— וועט מען מיר גלויבען. (קייכט פאַר געלעכטער.) — ביי דיר איז דאָך שוין אזא שלעכטער שם: א שם פון א ליגנער — אַן אַבנאַרער — א מערדער. אדיע.

(געהט אָב מיט א געלעכטער. עס הערט זיך נאָך אמאָל פון דער טיעפענים זיין קייכענדען געלעכטער, און אלעס ווערט איינגעשמידט אין שווייגען.)

פאָרהאַנג.